STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06358

BOREKH GLAZMAN, A MONOGRAFYE

Aron Bekerman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאזמאן



א
מאנאגראפיע

מיט אַ
ביבליאָגראַפיע
פון זיינע ווערק

פון אהרן בעקערמאן



אַרויסגעגעבן פון
איוואַנגאָראָדער בר. 130, א.נ.אַ.פ.
ניו־יאָרק, 1944

Copyright, 1943

By A. BECKERMAN

Washington, D. C.

369

JACOB SHEIN...
1780 N. E. 191st Street
Bldg. C-2 Apt. 601
North Miami Beach, Fla.

אינהאַלט פאַרצייכעניש:

זייט

אהרן בעקערמאַן: ברוך גלאַזמאַן

(פּראָבלעמען און אידייען אין זיין שאַפן)

א וואָרט פון מחבר 6
די טראַגיק פון גרויסן שווייגן 9
אַמעריקע 15
אין קאַמף מיט זיך אַליין 19
. . . און אין געיעג נאָך זיך אַליין 23
אַלע וועגן פירן . . . 31
אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג 36
עראָס און פּסיכע 42
צווישן פאַטאַליזם און רעאַליזם 49
נעגאַטיוו און פּאָזיטיוו 54
„מיט וואָס האָבן זיי דאָס פאַרדינט?" 62
צווישן אַלט און ניי 69
„אויף אַן אינזל" — אַ ראָמאַן, אַ סינטעז 74
מענטשלעכע רעאַליטעט דורך דער וויזיע פון שטיין־געוועב 82
דאָס קינד אין גלאַזמאַנ'ס שאַפן 88
אַ דערציילונג אַ רעוואָלוציע 92
„דער דור פון מצבות־שטעלער" . . . 96
לענדער און לעבנס 104
קאָנקלוזיע 120

ביבליאָגראַפישער טייל:

עטלעכע ווערטער וועגן דער ביבליאָגראַפיע 127

1. וועגן ברוך גלאַזמאַנ'ען

ביאָגראַפישער מאַטעריאַל 129
קריטישע אַרטיקלען 130
געשפּרעכן, אינטערוויוען, רעדעס און באַריכטן 142
פּאָלעמישע אַרטיקלען און נאָטיצן 144

2. שריפטן פון ברוך גלאַזמאַן.

אין בוכפאָרם 146
אַרטיקלען וועגן אַנדערע שרייבער 149
אַרטיקלען וועגן ליטעראַרישע ענינים 151
אַרטיקלען וועגן טעאַטער 155
אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן 156

3. רשימה פון צייטשריפטן אין וועלכע מחבר האָט זיך באַטייליקט.

4. ב. גלאַזמאַנ׳ס ווערק אין אַנדערע שפּראַכן.

רשימה פון קצורים 159

אינהאַלט פון בילדער:

זייט

ב. גלאַזמאַן אין 1924 (געצייכנט פון לואיס לאָזאָוויק) .. שער־בלאַט

ברוך גלאַזמאַן אין 1943 7

אָשר שוואַרצמאַן און ב. גלאַזמאַן (קיעוו, 1911) 24

ברוך גלאַזמאַנ׳ס עלטערן, ברידער און שוועסטער (קיעוו, 1910) .. 45

ברוך גלאַזמאַן ווי אַ קאַדעט פונעם מיליטערישן קאָרפּוס פון
אָהייאָ סטעיט (קאָלומבוס, 1915) 65

ביים גראַדואירן די מלוכה־אוניווערסיטעט
פון שטאַט אָהייאָ (1918) 85

פאַקסימיליע פון ברוך גלאַזמאַנ׳ס אַ כתב־יד
(פון ערשטן טייל „לענדער און לעבנס״, 1929) 105

ברוך גלאַזמאַן, פרוי און זון (1935) 111

ברוך גלאַזמאַן ווי אַ זעלנער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי
(אויגוסטא, דזשאָרדזשיאַ, 1919) 117

אַהרן בעקערמאַן:

ברוך גלאַזמאַן

(פּראָבלעמען און אידייען אין זיין שאַפן)

אַ וואָרט פון מחבר

די פאַרליגנדיקע אַרבעט איבער דעם שאַפן פון ברוך גלאַזמאַן איז פאַרטיק געוואָרן צום דרוק אין זומער 1939, אויפן שייד־וועג פון איראָפּעס גורל. זי האָט געזאָלט דערשיינען אין פּאַריז צו גלאַזמאַנ׳ס פערטל־יאָרהונדערט שאַפן. ווען אָבער אַלץ איז שוין גרייט געווען צום דרוק, האָבן די געשעענישן בליץ־שנעל אָנגענומען אַזאַ מין ווענ־דונג, וואָס האָט שוין אוממעגלעך געמאַכט צו רעאַליזירן די אַרבעט אויפן אָרט. דער מחבר פון אָט־דער אַרבעט איז דעריבער גליקלעך, וואָס דאָס גלאַזמאַן־בוך וועט דערשיינען אין אַמעריקע, דעם גרעסטן היינטצייטיקן יידישן לעבנס־און שאַפונגס־צענטער אין דער וועלט.

אין מאָמענט, ווען עס ווערט אַנטשיידן דער גורל פון פעלקער און פון מענטשלעכע לעבנס, ווען אויך דער אייגענער גורל שטייט אויפס־ניי אין קאָן, קוקט דער מחבר אויף אָט־דער אַרבעט, ווי אויף אַ ווענד־פּונקט אין זיין אייגענעם שאַפן.

פּאַריז, דעם 11טן פעברואַר, 1940.

ברוך גלאַזמאַן אין 1943.

קאַפּיטל איינס

די טראַגיק פון גרויסן שווייגן.

1

ביי מיר בלייבט תמיד אין זכרון דער איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס לייענען צום ערשטן מאָל גלאַזמאַנ׳ס „משפחה פּיקודא", געדרוקט אין אַ וואַרשעווער צייטונג גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה. דעמאָלט איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען צום ערשטן מאָל דער נאָמען פון דעם שרייבער. ס׳איז געווען די צייט, ווען נאָכן בלוט־מבול, וואָס האָט אַנגעהאַלטן יאָרנלאַנג, האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז אַראָפּגעשווענקט געוואָרן דאָס גאַנצע יידישע שאַפן, ס׳איז איבער־געריסן געוואָרן די גאָלדענע קייט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך געהאַט אַזוי פיין פונאַנדערגעבליט פאַר דער וועלט־מלחמה. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיטן טויט פון אונזערע קאָ־ריפייען פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, וועלכע זענען אַלע אַוועק פון אונדז גראָד אין די מלחמה־יאָרן, וועט אפשר דער יידישער ליטעראַ־טור זיין שווער קומען צו זיך. נאָר אַז דער בלוט־מבול איז ענד־לעך פאַרביי און ווייטע גרענעצן זענען ווידער געוואָרן נענטער, האָט מיטאַמאָל אַ פלייץ געטאָן אַ שטראָם פון אַ נייער יידישער ליטע־ראַטור, פון אויף יענער זייט אַטלאַנטיק.

אויסגעהונגערטע און דורשטיקע, האָט מען זיך געוואָרפן שליג־גען דאָס יידישע וואָרט פון אויף יענער זייט אָקעאַן. און דאָ מיטאַמאָל גיט אַ בליץ אַ נייער נאָמען: ברוך גלאַזמאַן. „משפחה פּיקודא". המ... אַן אויסטערלישער נאָמען. גאָרניט יידישלעך . . . נאָר שאַט: ניט בלויז דער נאָמען איז אויסטערליש. אויסטערליש איז די גאַנצע זאַך, דער גאַנצער סיוזשעט און טעמאַטיק, די פאָרם און סטיל. יאָ, אַ נייער מענטש אין אונדזער ליטעראַטור. אַ קינסטלער מיט אַן איי־גענעם פּרצוף.

ניט מער — ער איז עפּעס אַזוי אויסטערליש, אַט דער גלאַז־מאַן . . . עפּעס אַלץ אַזעלכע ווילד־פרעמדע טיפּן ברענגט ער אונדז צוטראָגן. יידן? — עפּעס יאָ און עפּעס ניט קיין יידן . . . ניט נאָר זייערע נעמען זענען אַזעלכע פרעמדע, פּאַרגוי'אישטע, נאָר זייער לעבן, זייערע האַנדלונגען, אַפילו דער פּאַטוס פון דער טראַגיק, וואָס הענגט איבער דער דאָזיקער משפּחה, איז עפּעס ניט קיין ריין־יידישער, אויב מיר זאָלן זיינע טיפּן פאַרגלייכן מיט די ביז דעמאָלט באַקאַנטע כאַראַקטער־טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור.

ניטאָ אין די דאָזיקע טיפּן גלאַזמאַנ'ס קיין זכר פון דעם טראַגי־קאָמיזם ביי אַ שלום־עליכמען און ניט קיין זכר פון קיין אַנדערן פאַר־שטייער פון דער יידישער ליטעראַטור. אינגאַנצן ניי און היפּש פרעמד איז פאַר אונדז דער פּאַטוס, וואָס טרייבט די מיטגלידער פון דער פּיקודאַ־משפּחה צו זעלבסטמאָרד, אָדער אַפילו צום גרויסן אין־זיך פאַרשלאָסענעם שווייגן. און פונדעסטוועגן . . . פונדעסטוועגן באַזיצט אָט דער ב. גלאַזמאַן דעם כוח אונדז מיטצורייסן, פאַראינ־טערעסירן, באַוועגן זיך אַריינצוטראַכטן אין די פאַר אונדז פאַרגע־שטעלטע געשטאַלטן. און וויבאַלד ער האָט שוין אונדז געפאַנגען, מוז מען שוין באַוואונדערן די קינסטלערישע פּערפעקציע, מיט וועל־כער דאָס ווערק זיינס איז אויסגעפורעמט. אַ קליין, געשלאָסן מייסטער־ווערק, וואָס דערמאָנט אין די קליינע ווייסע מאַרמאָר־פיגורן פון דעם גרויסן פראַנצויזישען סקולפּטאָר־מייסטער א ו י ג ו ס ט ר אָ ד ע ן.

איך האָב אַ לאַנגע צייט געהאַלטן — און איך בין נאָך אַלץ גרייט צו באַשטיין אויף דעם — אַז די „משפּחה פּיקודאַ", פון קינסטלערישן קוק־ווינקל, געהערט צו די בעסטע מוסטערן ניט נאָר אין גלאַזמאַנ'ס שאַפן, נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל.

סך־הכל פאַרמאָגט דאָס ווערק צוויי הויפּט־טיפּן, וואָס הייבן זיך פון אים אַרויס: דער פאָטער זאַכאַרי פּיקודאַ און זיין קליינע טאָכ־טער, ראַיע. די טאָכטער, אייגנטלעך, איז קרעפטיק געשילדערט: זי איז אָבער די וויטערדיקע פּערפעקציאָנירונג פון איר פאָטערס אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. ממילא זענעןביידנס כאַראַקטער־קאָנ־טראַסטן נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך.

אָבער ערשט אַ סך שפּעטער, ווען דער נאָמען פון ברוך גלאַזמאַן האָט זיך אַלץ מער געמומען איינגלידערן אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, ווען ס'איז אַלץ קלאָרער געוואָרן אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ שריפטשטעלער, וואָס גייט אויף אַ נייעם, אַן אייגענעם וועג — איז

אַלץ פאַרשטענדלעכער געוואָרן, ווי ניט־צופעליק עס איז די „משפחה פיקודא" אינעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון גלאַזמאַנ׳ס שאַפן.

זאַכאַרי פיקודאַ, א בלאָק געגומען פון גאַנצן גלאַזמאַנישן בנין, איז ניט מער ווי איין ווינקל־שטיין פון זיין, גלאַזמאַנ׳ס, גרויס פּראָבלעם: די אָפּגעפּרעמדקייט, אָדער די אויסגעוואָרצלטקייט פון געוויסע שיכטן פון יידישן פאָלק אין באַצוג צום צענטער פון יידישן פאָלקס־לעבן. די דאָזיקע אָפּגעפרעמדקייט באַגעגנט גלאַזמאַן ניט נאָר אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון אייראָפּעאישן דרום־מזרח, נאָר ער באַגעגנט זי שפּעטער אויך אין אַלע ווינקלען פון די ווייטע לענדער, וואו יידיש לעבן איז פאַרוואָרפן און פּרובירט ווערן דאָרט פאַרפלאַנצט. אומעטום ווערלקן אומגעזונטע פירות אָן לעבנס־זאַפט, מחמת אָפּגעריסנקייט פון מאַסן־צענטער. גלאַזמאַנ׳ס ווייטערדיקע ווערק האָבן געוואָרפן נאָך ליכט־שטראַלן אויף אַ סך ענלעכע טיפּן. אפשר ניט אַזעלכע טראַגישע, ווי זאַכאַרי פיקודאָ מיט זיינע שטאַרקע סימנים פון דעגענעראַציע; אָבער יענע, די שפּעטערדיקע טיפּן, זענען אויך פּראָדוקטן פון אומנאָרמאַלן יידישן לעבן מיט זיין שיטערער צעזייטקייט איבער דער גרויסער וועלט, און פון זייער — אָדער דעם שרייבערס — גרויסע בענקשאַפט נאָכן יידישן . . .

אָט די גרויסע פאַרפרעמדקייט טראָגט אין זיך גלאַזמאַן גופא אין משך פון זיין גאַנץ לעבן און ממילא קומט עס צום אויסדרוק אין זיין גאַנצן שאַפן. ביי אַן אמתן קינסטלער קען עס אַנדערש ניט זיין.

2

גלאַזמאַן דערזעט צוערשט דאָס ליכט פון דער וועלט דעם 12טן יאַנואַר 1894, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטעלע אין טיף־פּאָלעסיע, מיטן נאָמען ק אַ פּ י ט ק ע װ י ט ש. אַהין זיינען זיינע עלטערן אַנטלאָפן אויף אַ פּאָר חדשים בעת אַ גרויסער שריפה אין מאָזיר, — אַ שטאָט, וואָס פלעגט אָפט ליידן פון גרויסע שריפות, פון וואַנען יידן פלעגן זיך אין שרעק צעלויפן, אין די אַרומיקע פּאָליעסער וועלדער.. אָבער מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער קערט זיך די גלאַזמאַן־משפחה צוריק אום קיין מ אָ ז י ר, אַ גרעסערע קרייז־שטאָט אויפן פּריפּעט־טייך, ביי די גרענעצן פון פּאָלעסיע, וואָלין, און אוקראַינע. דאָס איז

געווען די געבורטס־שטאָט און וואוין־אָרט פון די גלאַזמאַנ׳ס אין פאַר־לויף פון אַ סך דורות צוריק.

דער פאָטער גלאַזמאַנ׳ס איז געווען אַן אָרעמער שוסטער. אַ מטופל מיט קינדער, איז אים שווער געווען צו שלעפן דעם עול פרנסה. האָט מען טאַקע גאַנץ אָפט אין שטוב געליטן נויט. דערצו די אָפטע שריפות אין שטאָט פלעגן טרייבן זוכן פרנסה אין דער פרעמד, הויפט־זעכלעך אין דעם נאָענטן ק י ע װ , וואו דער פאָטער האָט גע־אַרבעט נאָך בחורוויז, האָט איבערגעלעבט דאָרט דעם פאָגראָם פון 1881 און וואו ער פלעגט זיך דאָס רוב געפינען דורכן גאַנצן יאָר אויך נאָך דער חתונה, און קומען צו דער משפחה בלויז צוויי מאָל אַ יאָר, אויף יום־טובים. ס׳איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס ברוכס שוועסטער און ברידער, נאָך ייִנגע ייִנגלעך און מיידלעך, זענען אויך גאַנצפרי זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, איבער ווייטע שטעט און לענדער, זוכן חיונה . . .

ווי דער שטייגער איז אין ענלעכע נויט־באַדינגונגען, האָט מען זיך אין גלאַזמאַנ׳ס שטוב קנאַפּ פאַרנומען מיט דער קינדער־דערציאונג. דער עלטסטער זון איז אָבער אין דעם פּרט געווען „פּריווילעגירט״. שוין צו פיר יאָר איז ער אַוועק אין אַ חדר און געשמאַק געלערנט; שוין צו זיבן יאָר לערנט דער קליינער ברוך גמרא און אַפילו ת ו ס פ ו ת . צו בר־מצוה איז שוין אונדזער בחורל עוסק אין אַלערליי מפרשים, אין ראשונים ואחרונים. דערמיט איז ברוך דער איינציקער לערנער אין דער משפחה, ווייל אַזוי איז גע־ווען דעם פאָטערס קאַפּריז. ער האָט געהאָפט פון דאָזיקן זון צו „מאַכן״ אַ רב . . . פונדעסטוועגן האָט דער קליינער ברוך ניט באַ־קומען קיין צו־שטרענג־אָרטאָדאָקסישע דערציאונג, קיין פרומקייט־יאָך האָט דער יונגער ברוך קיינמאָל ניט געפילט, אפשר דערפאַר האָט דער שרייבער גלאַזמאַן זיך גאָר ניט „געשראָקן״ פאַר געוויסע איינגעבוירענע רעליגיעזע נטיות, וואָס האָבן זיך שפּעטער דורכגע־ריסן אין אַ סך פון זיינע שאַפונגען פון אַ באַשטימטן פעריאָד.

אין חדר האָט ברוך אויך געלערנט דקדוק, העברעאיש און אויף אויסנווייניק געחזרט טשערניכאָווסקיס און אַנדערע העברעישע שירים.

אין דאָזיקן פעריאָד פון דער ערשטער קינדהייט, ווען בויט איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט קינדערישער איינזאַמקייט, אָן נאָענט־קייט פון שוועסטער און ברידער, אָן וואָרעמער סביבה פון קרובים, האָט די קינדישע פאַנטאַזיע געזוכט אַ טרייסט, אַ ליכט־שטראָל און

פרייד פאַר דער נשמה. וואָס־זשע קען עס זיין שענער, ווי דאָס פאַר־טיפן זיך אין די רייזע־באַשרייבונגען וואָס פאַלן אַריין אין האַנט צו לייענען? דער קליינער ברוך האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון די אויס־טערלישע וועלטן, וואָס לעבן אויף אין די מאָדנע ביכער. עפּעס אַזעלכע פאַנטאַסטישע וועלטן, לענדער, שטעט, מענטשן, מנהגים . . . ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון טאַטנס שוסטער־בענקעלע מיטן קאָפּטשענ־דיקן לעמפּל, וואו גלאַזמאַן זיצט פאַרטיפט און לייענט . . . ערשט עט שפּעטער, ווען אַ סך רייזעס פון דער קינדהייט־פאַנטאַזיע זענען געוואָרן רעאַליטעט, האָט גלאַזמאַן מאַנכע מאָל געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז יענע פאַנטאַסטישע רייזעס ביים שוסטער־בענקעלע זענען געווען אַ סך פאַרביקער, שענער ווי דיווירקלעכקייט . . .

ווען ברוך איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט ענדלעך זיין גאַנ־צע משפּחה איבערגעוואַנדערט קיין קיעוו, וואו פאַרן קליינעם לערנער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל ענדערונג אין זיין דערציאונג. אין זומער פלעגט ער פאָרן לערנען אין די ישיבות פון מאָליווער גור־בערניע — ער לערנט שוין איצט יורה־דעה, פּוסקים, — אָבער סוף־זמן קערט ער זיך אום יעדעס מאָל צוריק אַהיים, אין דער גרויסער אוקראַינישער שטאָט ביים דניעפּ, אין קיעוו.

אין 1908 טרעפן מיר גלאַזמאַנען אין דער באַרימטער ריינע־סעס ישיבה אין לידע, ביי ווילנע. ער פאַרנעמט זיך דאָרט גלייכ־צייטיק אויך מיט לערנען רוסיש און אַנדערע וועלטלעכע לימודים. קיין פּינצטערע זכרונות פון יענער ישיבה־עפּאָכע זענען ביי גלאַזמאַנען קיינמאָל ניט פאַרבליבן.

אין קיעוו האָט דער יונגער גלאַזמאַן געלעבט ווייט פון עכטן יידישן לעבן. די עלטערנס סביבה, צוליב זייער געעפנטן שוכ־מסחר, איז געווען אַ פאַרגויאישטע, אַ רוסיפיצירטע, און ברוך איז קנאַפּ געקומען אין קאָנטאַקט מיטן יידישן מאַסן־לעבן. די איינציקע אָנונג פון אַ יידיש לעבן איז ביי גלאַזמאַנען געקומען דורך דעם איי־גענעם אינטערעס צו יידישער ליטעראַטור און פון באַקאַנטשאַפט מיט אַ גרופּע יונגעלייט, וועלכע זענען ערשט אַ סך שפּעטער, אין 1917, אַריינגעטרעטן שעפעריש אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זענען: אשר שוואַרצמאַן, נ. אויסלענדער, דוד האָפשטיין, און ד. וואָלקנשטיין.

אָבער קיין קערנדיק יידיש לעבן איז דאָס אַלץ ניט געווען — האָט זיך טאָקע דעריבער אויספאָרמירט אין יונגן בחור אַ מין אינער־

לעכע פרעמדקייט, באַגלייט מיט אַ טיף־נאָגנדיקער בענקשאַפט צו אומבאַקאַנטע, ווי אַנגעוואוירענע וואָרצלען.

אַט דאָס דאָזיקע געפיל פון אָפּגעפרעמדקייט און נשמה־בענקשאַפט צום שורש פון יידישן פאָלקס־לעבן, האָט שפּעטער באַגלייט גלאַזמאַנען אויף זיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט. אַט די שטימונגען פילן אויס אַ היפּשן טייל פון זיין שאַפן, הויפּטזעכלעך פון זיין ערשטן שאַפונגס־פעריאָד.

קאַפּיטל צוויי

אַמעריקע

1

גלאַזמאַן האָט ניט אויסגעמיטן דעם גורל פון די איבעריקע פּאַ־מיליען־מיטגלידער, וואָס פאַרלאָזן איינער נאָכן אַנדערן אויך אָט די נייע היים. און, מיט אומבאַשטימטע געפילן פון בענקשאַפט נאָכן אומבאַקאַנטן, נאָכן חלום פון דער קינדהייטס רייזע־באַשרייבונגען, האָט ער זיך אין אַ טריבן דעצעמבער טאָג סוף 1911 דערזען אויפן אַמע־ריקאַנער באָדן.

דעם יונגן גלאַזמאַנ׳ס גייסטיקער באַגאַזש פון יידישער און עלע־מענטאַרער בילדונג, סיי די ישיבה און סיי די וועלטלעכע פון קיע־ווער גימנאַזיע, זענען געווען אַ גאָר קנאַפּער געווער צום האַרטן לעבנס־קאַמף, וואָס איז גלאַזמאַנען אונטערגעקומען אין דער נייער וועלט. ס׳איז מסתמא געווען הימל־ווייט פון די פאַנטאַסטישע רייזע־באַשרייבונגען . . .

אַן שפּראַך, אָן אַ פאַך, אָן געלט־מיטלען און אָן פריינט און נאָענטע אַלס שטיצע ביי די ערשטע טריט אין נייעם לאַנד, האָט זיך גלאַז־מאַנ׳ס צווייטע קינדהייט — די יוגנט, — אָנגעהויבן נאָך שווערער ווי אַמאָל,ביים טאַטנס שוסטער־בענקעלע . . .

אָבער אַמעריקע גיט קיינעם קיין צייט ניט זיך צו פאַרטראַכטן. פיזישע עקזיסטענץ — פאַר אָט דעם האָט דער יונגער גלאַזמאַן גלייך געמוזט זיך שטעלן אין קאַמף.

ס׳איז שווער געווען צו באַקומען ארבעט איינעם, וועלכן מען האָט קיין שום פאַך קיינמאָל ניט געלערנט. ברוך האָט אָפּט אומ־זיסט געוואַנדערט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און אַרבעט־פאַרמיט־לונג־ביוראָס. אָבער נאָר ביי שווערע שוואַרצער אַרבעט קען אַ „גרי־נער" באַקומען באַשעפטיקונג. גלאַזמאַן האָט טאַקע זיין ערשטע באַ־שעפטיקונג באַקומען ביים גראָבן די קאַנאַלן צו דער ניו־יאָרקער וואַ־סער־לייטונג.

דאָס איז געווען גלאַזמאַנ׳ס ערשטע פּראָלעטאַריזירונג. דערנאָך — טרעפן מיר גלאַזמאַנען ביי אנדערטהאַלבן צענדליק פאַרשיידענע מלאכות, וואָס גיבן אָבער אלע וויניק ברכות. ער בייט די פּאַכן, ביז ער שטעלט זיך אָפּ ביי שטובן־מאַלעריי, ביי וואָס ער בלייבט א לענגערע צייט.

דער שווערער לעבנס־קאַמף גלאַזמאַנ׳ס האָט אים תחלת אַביסל צעטומלט, און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז . . . אייגנטלעך געפינט ער זיך, ווי אין דער אַלטער היים, אויך דאָ אין אַ ניט־יידישער סביבה... און אפילו די יידישע מענטשן, מיט וועמען ער קומט אין פאַך־באַרירונג, זענען אויך היפּש אַמעריקאַניזירט. דער דאָזיקער פּעריאָד—דער שווערסטער זיינער אין דער אַמעריקאנער ווירקלעכקייט — האַלט אָן אַ דריי יאָרן ביז נאָך דער וועלט־מלחמה.

די דאָזיקע יאָרן זענען אָבער פאַר גלאַזמאַנען ניט נאָר יאָרן פון שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, נאָר אויך יאָרן פון דערוווערבן בילדונג. ווייל מיט אַלע כוחות האָט דער עקשנותדיקער גלאַזמאַן גע־שטרעבט ניט פאַרלוירן צו גיין אינדיווידועל אינעם גרויען שטראָם פון דער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריזאַציע. אין אים האָט געלעבט דער דראַנג צו גייסטיקע הויכקייטן, און צו דעם מוז מען זיין גוט באַוואָפנט מיט העכערער בילדונג.

אַרבעטנדיק ביי פיזישער מלאכה בייטאָג און שטודירנדיק ביי־נאַכט — און שפּעטער פאַרקערט — ענדיקט אין 1915 גלאַזמאַן אַ מיטל־שולע, און אין 1918 — דעם אוניווערסיטעט פון שטאַט אהייא. דעם זעלבן יאָר, שוין ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה, מאַכט גלאַז־מאַן אויך מיט זיין מיליטער־דינסט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, ביז פעברואַר 1919.

די דאָזיקע אַלע יאָרן האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער פאַר־מירונג פון גלאַזמאַנ׳ס כאַראַקטער. דאָס געפיל פון אָפּגעפרעמד־קייט צום יידישן לעבן האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט. ס׳איז געווען די צייט, ווען גלאַזמאַן האָט זיך אויף אַ נאַרמאַלן אופן אַלץ מער געהאַט אַמעריקאַניזירט. ניט אויבערפלעכלעך און מעכאַניש, נאָר טאַקע בפועל־ממש זיך איבערגענומען מיטן גייסט און כאַראַקטער פון דער ספּעציפיש־אַמעריקאַנער וועלט. אָבער יעדע אַקציע רופט אַרויס אַ רעאַקציע. און גלאַזמאַנ׳ס אינערלעכע ריאַקציע, דאָס טיף־פאַרבאַר־גענע געפיל פון נשמה־בענקשאַפט נאָך דעם יידישן תוך פון זיין לעבן, האָבן סוף כל סוף רייף געמאַכט דאָס געפיל פאַר אינגאַנצן

דערנענטערן זיך צום יידישן לעבן, פאַר שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט דער לעבעדיקער יידישער ווירקלעכקייט, וואָס שלאָגט ערגעץ אַרום אים, און מער צו טרינקען פון דאָזיקן קוואַל.

גלאַזמאַן האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ יידישער שרייבער און ענד־לעך אניגאַנצן זיך ווידמענען זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

2

ווייל זיך איינגעמאָלדן אין דער יידישער ליטעראַטור האָט גלאַז־מאַן אייגנטלעך שוין געהאַט אַ היפּש ביסל פריער, באַלד אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע: אין 1913, ווען זיינס אַ סקיצע איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע".

נאָר גלאַזמאַן רעכנט ניט די דאָזיגע דאָטע פאַרן אָנהייב פון זיין שרייבערישער טעטיקייט. זי דאַטירט זיך ביי אים ערשט פון 1917, ווען ער הייבט אָן באַרמאַלער זיך אָפּגעבן מיט יידישער ליטעראַטור.

אמת, גלאַזמאַן איז שוין געקומען קיין אַמעריקע מיטן חלום פון דער יידישער ליטעראַטור, מיטן ווילן צו ווערן אַן אַמעריקאַנער יידי־שער שרייבער. ניט מער, די שווערע לעבנס־באַדינגונגען די ערשטע יאָרן, האָבן ביי אים אָפּגערוקט די רעאַליזירונג־מעגלעכקייטן אויף אַ סך שפּעטער.

גלאַזמאַנען געדענקט זיך נאָך מיט וואָסערע פריידיקע האָפע־נונגען ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע, דעם גרויסן צענטער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

נאָך אויפן מאַטאָר־שיפל צווישן איילים־איילאַנד און ניו־יאָרק האָט גלאַזמאַן מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם זיין שוואָגער פאַרוואָרפן די ערשטע פריידיקע פראַגע:

— ביי אייך דערשיינען דאָך „דאָס נייע לעבן" און „דאָס נייע לאַנד"? . .. אַ אידישע שטאָט!

אים איז דעריבער פאַרגעקומען מאָדנע דעם שוואָגערס ניכטערער שוויגן און זיין בלויזער טרויעריקער שמייכל . . .

זייער פאַמעלעך האָט גלאַזמאַן געגומען, נאָכן באַפרייט ווערן פון דער ארמיי אין 1919, זיך דורכברעכן אַ וועג צו דער יידישער לי־טעראַטור.

ווייל דאָס איז שוין איצט ניט אָפּגעגאַנגען אָן אַ קאַמף צווישן זיין יידיש און — ענגליש, וואָס גלאַזמאַן האָט שוין דעמאָלט געקענט בע־סער ווי יידיש, און שוין אַפילו געווען אַ קורצע צייט ליטעראַריש טעטיק אין אָט דער שפּראַך. אין די יאָרן 1916־17 האָט ער שוין אַפילו געהאַט רעדאַגירט אויף ענגליש אַ ראַדיקאַלן זשורנאַל, וואָס איז שפּעטער אָפּגעשטעלט געוואָרן צוליב זיין אַנטימיליטאַריזם.

גלאַזמאַן האָט אין יענע צייטן אויך איבערגעזעצט פון ענגליש אויף יידיש און פאַרקערט. אים האָט בכלל צו יענער צייט געלאָקט אַ מין „אימפּעריאַליזם" פאַר דער יידישער ליטעראַטור: איינגעמען פאַר איר נייע „טעריטאָריעס", אַמעריקאַנער ווינקלען, וואו יידישע ליטעראַטור האָט קיין צוטריט ניט געהאַט. דאָס איז שוין געווען דער דירעקטער פּועל־יוצא פון זיין פון דאָס ניי דערוואַכטן ראָמאַנ־טיזם, אַ מין פאַרפאַלענער דראַנג צו גיין קעגן שטראָם . . .

אַז גיין קעגן שטראָם האָט דאָך אויך געהייסן שוין דאָס בלויזע אָפּזאָגן זיך פון דער ענגלישער ליטעראַטור, וואו אַ טיר איז שוין פאַר גלאַזמאַנען געווען געעפנט. אָפּזאָגן זיך פון לאָקנדיקע פּערס־פּעקטיוון צו גיין אויף ברייטע, באַקוועמע וועגן, כדי זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון באַגרענעצטע מעגלעכקייטן אין די באַדינגונגען פון דער יידישער ליטעראַטור — דערצו דאַרף מען פאַרמאָגן אַ טיף און גע־זונט געפיל פאַר נאָרמאַלער אויסלעבונג.

געווירקט האָבן דאָ אויך גלאַזמאַנ׳ס אייגנטלעכע סענטימענטן פון זיין אייביקן גענעג נאָך יידישער רעאַליטעט. ס׳איז יענע פאַר־נעפּלטע קראַפט, וואָס איז אפשר אור־אינסטינקט, אָבער עס דאָמי־נירט ביי יעדן ערלעכן קינסטלער און דענקנדיקן מענטש. ס׳איז אַ מין קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, פון וועלכן קיין קינסטלער קען זיך ניט באַפרייען.

קאַפּיטל דריי

אין קאַמף מיט זיך אַליין.

1

ניט אַזוי גיך איז גלאַזמאַן איבערגעגאַנגען פון ענגליש צו ווערן אויסשליסלעך אַ יידישער שרייבער.

ער האָט נאָך געהאַט אַ לאַנגן אינערלעכן קאַמף, כדי צו באַקרעפטיקן דאָס געפיל, אַז זיין אָרט איז אין דער יידישער ליטעראַטור.

צופיל איז שוין גלאַזמאַן געווען איינגעלעבט מיטן „אַמעריקאַנישן" אין זיין גאַנצער מענטאַליטעט און אין זיין גאַנצן אַרט דענקען און באַנעמען דערשיינונגען. אויף אַ צייט האָט גלאַזמאַן אַפילו געהאַט די איבערצייגונג, אַז ניט נאָר שרייבעריש, נאָר ריין מענטשלעך איז ער פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע. ס'איז געווען טיילווייז אַ באַוואוסטזיניקע און טיילווייז — אומבאַוואוסטזיניקע אָפּנאַרעריי וועגן אָט דער אַמעריקאַנישקייט. אים האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדוכט, אַז ער איז אין אַמעריקע כמעט געבוירן געוואָרן, און אַז די קינדהייט־זכרונות זענען הוילע אַבסטראַקציעס, פאַנטאַסטישע חלומות.

מעגלעך אַז אָט דערפאַר האָט זיך גלאַזמאַן לאַנג געהאַלטן דערווייטערט פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

לאַנגע יאָרן האָט אָנגעהאַלטן זיין אינערלעכער קאַמף צווישן יידיש און ענגליש. אַ קאַמף, וואָס האָט אויפגעגעסן אַ סך פון זיין ענערגיע. שוין אַפילו נאָכן אַרויסגעבן דאָס ערשטע בוך אויף יידיש, האָט גלאַזמאַן ניט אויפגעהערט שרייבן און אַפילו אַליין איבערזעצן זיינע יידישע זאַכן אויף ענגליש . . . עד היום האָט גלאַזמאַן נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעלעבט דעם געדאַנק, אַז אָט דער קאַמף איז געווען אומבאַרעכטיקט און אילוזאָריש . . .

גלאַזמאַן האָט נאָך איצט אויך דאָס געפיל און זיכערקייט, אַז דאָס אַמעריקאַנישע אין אים איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, אַז וואו ער זאָל זיך ניט באַזעצן, — אין רוסלאַנד, פוילן, פראַנקרייך — וועט ער נאָך לאַנג שרייבן אויסשליסלעך פון אַמעריקע.

אויף וואָס־זשע האָט זיך באַזירט גלאַזמאַנ'ס קאַמף און צוריק־

געהאַלטנקייט צו יידיש אין די אַלע ערשטע יאָרן?

קודם־כל — זיין קאָנצעפּציע וועגן אונטערגאַנג פון יידיש אין אַמעריקע.

זי איז ניט ניי און אוודאי ניט אָריגינעל, אַט די ירידה־קאָנ־צעפּציע. מיט איר טראָגן זיך אַרום ניט וויניק יידישע שרייבער פון אַמעריקע. אָבער ניט אין אָריגינעלקייט גייט עס, נאָר אין טרויעריקער קאָנסטאַנטירונג. אין דער ניט־צעבראָכלעכער איבערצייגונג — אַן איבערצייגונג, וואָס באַזירט אויף צאָלרייכע דערפאַרונגען — אַז אַזוי און ניט אַנדערש שטייט דאָס פּראָבלעם: יידיש־לשון — און ממילא געזונט און אייגנאַרטיק יידיש לעבן — גייט אין אַמעריקע אונטער.

יידיש גייט אונטער דערפאַר — אַזוי האָט גלאַזמאַן געגלויבט — ווייל דאָס אימיגראַנטן־לעבן גייט אונטער. דאָס ביליקע, וואולגארע „אויסגרינען" זיך קומט דאָך פאַר פריער נאָך פאַרן קאָנטאַקט מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. דערפון ליידט דאָך און מוז ליידן קודם־כל — די שפּראַך. און אַז דאָס איז אַזוי, באַווייזט דאָך אַפילו די דערוויילעקע, די נאָך לעבעדיקע פאָרם פון אימיגראַנטישן יידיש. און גלאַזמאַן האָט אין באַרירונג מיט אַט דער יידישקייט געהאַט אַן אַפּשטויסנדיק געפיל . . .

אַט דאָס דאָזיקע נעגאַטיווע געפיל איז פון גלאַזמאַנען ניט אָפּ־געטאָן געוואָרן אַפילו אויך נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געמאַכט די פּ אַ ק ט י ש ע דערנענטערונג צו דער יידישער ווירקלעכקייט.

2

נאָכדעם, ווי גלאַזמאַן האָט זיך געפילט מיד און צעבראָכן נאָך לאַנגע יאָרן שווערער פיזישער אַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות, איז ער אַריינגעטראָטן אין אַן אוניווערסיטעט.

זיין אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט איז געווען ניט אַזוי צוליב „השכלה"־אַמביציעס, ווי מיטן ציל זיך צו עטאַבלירן עקאָנאָמיש. ער וועט זיך אויסלערנען אַ פּראָפעסיע — כעמיע, למשל, צי מעדיצין — וואָס זאָל אים דערמעגלעכן פּטור צו ווערן פון דאגות־פּרנסה, וועט ער דעמאָלט — אַזוי האָט ער געחלומט — קענען זיך רואיק אָפּגעבן מיט שרייבן.

אין אוניווערסיטעט אָבער, נאָך אַ צוויי יאָר עקספּערימענטירן, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אויף קיין וויסנשאַפטלעכער פּראָפעסיע וועט ער זיך קיינמאָל ניט קאָנען קאָנצענטרירן, ווייל דער מוק פון „שרייבן" האָט שטענדיק פאַרפאָלגט, געפּיקט . . . דעמאָלט האָט גלאַזמאַן אָפּגעלאָזט דעם פּראָפעסיע־שטודיום און געענדיקט דעם אוניווערסיטעט שוין אַן באַשטימטע פאַך־קענטנישן. ער האָט זיך בלויז ספּעציאַליזירט אין ראָמאַניסטיק און אין גערמאַניסטיק. מיטן לעצטן — האָט ער אגב געטראַכט — וועט אים גרינגער זיין שפּע־טער גרינטלעכער צו שרייבן יידיש . . .

אין 1919 איז גלאַזמאַנען קלאָר געוואָרן, אַז אייביק וואַרטן אויף בעסערע צייטן — איז ניט קיין ענין. זינט דעמאָלט הויבט ער ענד־לעך אָן רעגלמעסיק שריפטשטעלעריש צו אַרבעטן און צו רעאַלי־זירן די ליטעראַרישע פּלענער, וואָס האָבן זיך אין זיין פאַנטאַזיע שוין געהאַט אָנגעקליבן, זינט אַזויפיל יאָרן. אָבער . . . דער ערש־טער קאָנטאַקט מיט דער יידישער ווירקלעכקייט, צו וועלכער ס'האָט אַזוי לאַנג טיף־פאַרבאָרגן אין דער נשמה געצויגן, האָט געשאַפן דאָס קעגן־געפיל פון אַנטוישונג . . . גלאַזמאַן דערפילט גלייך די מחיצה צווישן אים און דעם אַרומיקן. ס'איז אים שוין שווער זיך אהין אַריינ־צופּאַסן, מחמת דער אַנדערשקייט פון זיין דערציאונג און מענטאַליטעט.

אָבער — שיידן זיך פון דער דאָזיקער נייער ווירקלעכקייט, איז שוין גלאַזמאַן מער נישט בכוח. ווי מיט צוואַנגען האַלט אים אָט־די לאַנג־פאַרנעפּלטע קראַפט, דאָס אַמאָל־אַמאָל געאַנטע, וואָס איז איצט ענדלעך טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַזאַ גרויער ווירקלעכקייט . . . ניין, ס'איז פאַרפאַלן. ער איז און בלייבט שוין אַן אַמעריקאַנער יידי־שער שרייבער.

ניט מער — ער בלייבט, אין דער דאָזיקער נייער סביבה, אַלץ דער פרעמדער. דער, וואָס קומט מיט נייע וועגן, נייע טיפן, אַנט־פּלעקטע פון אייגענע פאַרבאָרגענע וועלטן.

גלאַזמאַן — וועלכן אַזוי פיל באַטיטלען ווי דער „אַמעריקאַניש־סטער" צווישן יידישע שרייבער — קען זיך טאַקע ניט איינוואָרצלען אין דער אַמעריקאַנער י י ד י ש ע ר וועלט. אין אים שטאַרקט זיך נאָכמער די איבערצייגונג, אַז די „יידישע וועלט" דאָרטן לעבט איבער אַ ירידה. אים פאַרפעלט פשוט אָטעם אין אָט דער סביבה. גיט זיך גלאַזמאַן אַן עצה: ער שאַפט זיך קינסטלערישן אָטעם דורך זיין שרייבערישן שאַפן . . . ער ציט אַרויס פון זיינע פאַרבאָרגע־

נע וועלטן זיינע טיפן. פאַרשוינען, אָפּגעריסענע פון זייער שורש, דורכגענומענע מיט נאָסטאַלגיע־שטימונגען. זיי זענען דורכגעדרונגען מיט סענטימענטן און באַגערן זיך קעגנצושטעלן דעם געפיל פון אונטערגאַנג. זיי זענען באַהערשט פון רעליגיעזע רעמיניסצענצן, באַהויכט מיט אַ געשמאַק פון מיסטיציזם . . .

אויף וויפל יעדעס קינסטלערישע ווערק, יעדעס עכטע שאַפן, שפּיגלט אָפּ די נשמה, געדאַנקען און געפילן פון איר מייסטער — אויף אַזויפיל איז גלאַזמאַנס שאַפן די אָפּשפּיגלונג פון זיין איך, פון זיין אייגענער אויסגעוואָרצלטקייט און איבערגעפלאַנצטקייט אויף אַ פאַר אים אומנאַטירלעכן באָדן. אין דעם פּרט האָט גלאַזמאַן אָפּט מיט וויזיאָנערישער קראַפט אַנטפּלעקט די טראַגיק פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט.

קאַפּיטל פיר

. . . און אין גאַנצן נאָך זיך אַליין.

1

דער צייט־אָפּשניט: פון 1919 ביז 1924 איז געווען דער אינער־לעך־שווערסטער אין לעבן פון ברוך גלאַזמאַן.

עס זענען פריער אויך געווען יאָרן פון נאָכאַנאַנדיקער יאָגעניש נאָך אַ ציל, מאַטעריעלע זאָרגן האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו מאַטערן. ס׳איז געווען אַ לאַנגע פאַרשקלאַפונג צו „שעפּער", שולעס, צוזאַמען מיט בלויז פּרוּווּן זיך גייסטיק אויסצולעבן אין שרייבעריי. אָבער איצט האָט מען געדאַרפט שרייבעריש אָניאָגן דאָס וואָס מען איז ביז איצט געווען געצוואונגען צו פאַרנאַכלעסיקן, צוליב שווערע לעבנס־באַדינגונגען. אין זיך האָט גלאַזמאַן געפילט אַזויפיל ברויזנדיקע כוחות, אַזויפיל פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, אַז ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט: אים זענען נויטיק יאָרהונדערטער גאַנצע כדי צו באַאַרבעטן אַלץ, וואָס רייסט זיך קינסטלעריש געשטאַלטיקט צו ווערן.

איז פינף יאָר (1919־1923) אַרבעט גלאַזמאַן אין אַזעלכע באַ־דינגונגען, פון גאָר שטאַרק־אָנגעשטרענגטער אַרבעט. זייענדיק פאַר־נומען אַ גאַנצן טאָג אין אַ ביוראָ, צי ביי אַנדערע אַרבעטן פון זיין גאַנצן צעטל מלאכות — שרייבט גלאַזמאַן אין גרויס איילעניש און אויפגערעגטקייט, אָדער באַגינען, איילנדיק צו דער אַרבעט. אָדער — ביינאַכט, שוין אַן אויסגעמאַטערטער פון לאַנגן אַרבעט־טאָג.

סוף־כל־סוף האָט זיך גלאַזמאַן דערפילט אַזוי אויסגעשעפּט, אַז ס׳איז ביי אים געקומען צו אַ נערוועזן צוזאַמענברוך, וואָס האָט געפאָ־דערט אומבאַדינגטע רו.

דעמאָלט איז גלאַזמאַן צום ערשטן מאָל אָפּגעפאָרן פון אמערי־קע אויף צוויי יאָר.

גלאַזמאַן האָט געזוכט טאקע מיט זיין רייזע איבער איראָפּע גייס־טיקע אָפּפרישונג, אָבער ניט דאָס אַליין. ס׳האָט אויפגעלעבט דער פאַרלאַנג זיך צו דערנענטערן צוריק צום אור־קוואַל פון יידישן לעבן,

אָשר שוואַרצמאַן און ב. גלאַזמאַן (קיעוו, 1911)

וואָס מען קען געפינען נאָר אין מזרח־אייראָפּע. דאָרט, וואו זיין כמעט־אָפּגעמעקטע קינדהייט איז פאַרפלאָסן.

גלאַזמאַן איז געפאָרן קיין אייראָפּע — צו זוכן זיך אַליין . . . ס׳איז געווען אין 1924.

אייראָפּע איז שוין געווען אויפן וועג פון גענעזן ווערן נאָכן שרעקלעכן בלוט־אָפּפלוס. דיפּלאָמאַטן האָבן געלאָטעט אירע וואונדן, שאַפנדיק קינסטלעכע מחיצות צווישן „זיגער" און „באַזיגטע". קורץ: מען איז געווען פאַרנומען מיט אויספלאַסטערן דעם וועג פאַרן נייעם מיטלאַלטער — אַ מער שרעקלעכער און גרויזאַמער, ווי מיט 500 יאָר צוריק, — וואָס האָט שוין געקלאַפּט אין דער טיר . . .

בלויז דאָרט, ווייט אין מזרח־אייראָפּע, וואו די מלחמה האָט ווירק־לעך געבראַכט פרוכטן: די פאַרניכטונג פון צאַריזם מיטן קאַפּיטאַליזם — האָבן שוין די באַפרייטע פעלקער געהאַט פאַרטריבן די רעשט־לעך בייזע רוחות פון דער אַלטער וועלט און — שוין געווען פאַרנומען מיטן אָנהויבן רעגולירן דאָס לעבן אויף נייע, פּלאַנירטע יסודות.

דאָס דאָזיקע לאַנד איז געווען אַמאָל דאָס וויגעלע פון ברוך גלאַזמאַן, אַהין איז ער געפאָרן זיך באַקענען מיטן נייעם לעבן.

איז גלאַזמאַן געפאָרן ד אָ ר ט ן זיך אַליין געפינען?

שווער צו זאָגן באַשטימט, אָבער שוין ביים אַריבערפאָרן די גרענעץ פון ראַטן־פאַרבאַנד שטעלט זיך גלאַזמאַן אַליין די פראַגע:

„ — וועל איך דאָרטן אויפסניי געבוירן ווערן?" — („סטעפּ און ישוב").

באַוויזט עס קלאָר מיט וויפל אומרו אין דער נשמה און צאַפּל אין האַרצן, איז גלאַזמאַן געפאָרן אין זיין היימלאַנד, וואו א ניי לעבן פאָרמירט זיך.

גלאַזמאַן איז געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די גאָר ערשטע יאָרן פון סאָציאַליסטישער בויאונג בכלל און יידישער קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און קרים — בפרט. אין זיין רייזע אי־בער יידישע קאָלאָניעס אין אָדעסער ראַיאָן, האָט גלאַזמאַן נאָך אָנ־געטראָפן אַלץ אין רויען מצב, פּיאָנערישע ערשטע טריט. גלאַזמאַן שילדערט מיט פאַרשטענדעניש אָט דעם פּראָצעס פון טראַנספאָרמי־רונג אין יידישן לעבן. די רעוואָלוציע פון אַן עלעמענט, וואָס רייסט איבער — פּרייוויליק, אָדער געטריבן פון אומברחמנותדיקע לעבנס־באַדינגונגען, — מיט די אַלטע לעבנס־פאָרמען און גייט איבער צו נייע, לויט דער פאָדערונג פון דער צייט. גלאַזמאַנען געלינגט אַפילו

אין זיין „סטעפּ און ישוב" צו שילדערן לעבעדיק און קרעפטיק די איבערלעבכע פיזיאָנאָמיע פון אָט די פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן, סיי די, וואָס האָבן שלום געמאַכט מיטן גורל, דורכן באַוואוסטזיין אַז אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן די היסטאָרישע מיסיע איבערצופאָר־מירן דאָס לעבן אויף נייע יסודות — און סיי אַזעלכע, וועלכע קענען זיך שווער באַפרייען פון די אַלטע לעבנס־פאָרמען . . .

דורך גלאַזמאַנ'ס קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע אין די דאָ־זיקע רייזע־באַשרייבונגען, באַקומען מיר אַ בילד פון דעם אָפּשטאַרבנ־דיקן אַמאָליקן יידישן שטעטל אין רוסלאַנד. דורך דער פּריזמע פון אײן „שטעטל", דערפילן מיר דעם הייסן אָטעם פון דער רעוואָלוציע, וואָס פאַרצערט אַלץ, וואָס איז געשיכטלעך פאַרמשפּט צום אונטער־גאַנג.

גלאַזמאַן באַמיט זיך שטאַרק ניט אַריינצופאַלן אין התפעלות פונם געזעענעם, כדי אָביעקטיווער צו באַנעמען און אָפּשאַצן דאָס גע־זעענע. פאַר אַ שרייבער איז עס אַ גענוג שווערער פּראָצעס. דער קינסטלער אין גלאַזמאַנען האָט גובר געווען דאָס פּובליציסטישע, אַזוי אַז די בילדער זענען דויערנדיקע און דאָס בוך — אַ קולטור־היסטאָ־רישער דאָקומענט פון אַ באַשטימטער עפּאָכע אין יידישן לעבן.

פאַראַן אינעם בוך „סטעפּ און ישוב" בילדער, וואָס וואַקסן אויס צו וויזיעס, וואָס וואַרפן רעפלעקטאָרן אויף דער נאָנטער פאַרגאַנגענ־הייט אין די דאָזיקע שטעטלעך. ס'איז שווער צו פאַרגעסן די סצענע, ווען דאָס קליינע יידישע מיידעלע אינעם פּאָגראָמירטן פּוסטן שטעטל אויף אוקראַינע דערשרעקט זיך פלוצלינג אָנטרעפנדיק אַ מענטש, וואָס וויל זיך צו איר דערנענטערן, עפּעס פרעגן. זי פאַלט אַריין אַ טויט־דערשראָקענע צו דער מוטער:

„ — מאַמע . . . מאַמעלע . . . גיכער . . באַהאַלט מיך — —

— אַ מ ע נ ט ש גייט . . . "

די דאָזיקע קליינע סצענע ווירקט שווידערלעכער ווי צענדליקער ברייטע פּאָגראָם־בילדער . . . אין עטלעכע שורות לעבט אויף די גאַנצע בלוטיקע תקופה, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן יידישן שטעטל אין צייט פון בירגער־קריג און יידן־שחיטות. אין דעם קליינעם יידישן מיידעלעס זכרון האָט זיך איינגעקריצט איינס פון די איבערגעלעבטע שרעק־בילדער, ווען מען האָט זיך תמיד געמוזט באַ־האַלטן פאַר פרעמדע מענטשן — פאַר אַ מענטש גיכער ווי פאַר אַ חיה.

אַט די סצענע מאַכט בולטער די קאָנטורן פון נייעם לעבן, וואָס איז סאַמע פאַר גלאַזמאַנ׳ס אויגן אויפגעגאַנגען איבער די מיט יידיש בלוט דורכגעזאַפּטע פעלדער און שטעטלעך, וואו ס׳האָבן אָנגעהויבן אויפגיין בליענדיקע שפּראָצונגען פון אַ ניי יידיש לעבן פון בזיעת אַפּיך.

פונדעסטוועגן . . . האַלטן שרייבערישע אָביעקטיוויטעט קען מען נאָר ביים שילדערן און דערציילן. קומט אָבער צו קאָנקלוזיעס, הערט אויף דער שרייבער און עס טרעט אַריין דער מענטש. איז לסוף, ווען גלאַזמאַן הויבט אָן ריידן וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס וועבט זיך דאָרטן פאַר אונדז אַלעמען, איז ער אויך זיכער, אַז די פריייד איז ביי אַלעמען גרויס, ווייל — אונדזער אַ ל ע מ ע נ ס לעבן ווערט דאָרט נאָרמאַליזירט, דורך דעם, וואָס ביי יידן קומט צו דער פויערן־קלאַס... און גלאַזמאַן קען לענגער ניט אויסמיידן אַ טאָן פון פּאַטאָס, ווען ער הייסט זיך באַווייזן דעם יעניקן יידישן שרייבער, וואָס זאָל נ י ט אַרומגעכאַפּט ווערן פון ווילדסטן, פון פאַרביקסטן, פון ראָמאַנטישסטן ציטער, ביי דער בלויזער פאַרשטעלונג פון יענע הערלעכע פּערספּעק־טיוון, וואָס ברייטערן זיך איצט פונאַנדער פאַר דער שאַפונג פון אַ רייכער און פאַרשיידנזייטיקער, פון אַ געזונטער, איינגעוואָרצלטער יידישער ליטעראַטור . . .

2

גלאַזמאַן איז — צום סוף פון זיין צוויי־יאָריקער רייזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד, פּוילן, ווי אויך די לענדער פון מזרח־אייראָפּע — אויף אַ קורצער צייט צוריקגעקומען קיין אַמעריקע. צוריקגעקומען... כדי נאָך מער צו דערפילן אַרום זיך די אומנאַטירלעכקייט פון די אַמעריקאַנער באַדינגונגען פאַר אַ יידישן שרייבער.

ערשט איצט, נאָכדעם ווי ער איז אַ צייט געקומען אין נאָענטסטער באַרירונג מיטן יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, אין פּוילן און אין סאָוועטנפאַרבאַנד, געלעבט צווישן די פאָלקס־מאַסן, וואו יידיש לעבט און גערייעט אַ נאַטירלעכן לעבן און איז ניט קיין „יידישיסטישע״ אָראַנזשעריי־פלאַנץ — ווי גלאַזמאַן האָט זיך ליב אויסצודריקן — וואַקסט אין אים שטאַרקער די איבערצייגונג, אַז . . . אַ יידישער שריי־בער דאַרף אומבאַדינגט לעבן דאָרט, וואו ער הערט כאָטש אַרום זיך

די נאַטירלעכע קלאַנגען פון דער שפּראַך אין וועלכער ער שרייבט...
גלאַזמאַן קומט צום אַביסל פּאַראַדאָקסאַלן אויספיר וואָס פאַר אים איז ער אָבער אַזוי עלעמענטאַר — אַז יעדער יידישער שרייבער, ווער עס קען נאָר, מוז זיך אומבאַדינגט אַריבערציען קיין מזרח־איראָפּע. בלויז דאָרטן איז נאָך פאַראַן אַ קעגנזייטיקע באַדערפעניש צווישן שרייבער און מאַסע, בעת אין אַמעריקע איז עס ניט פאַראַן . . .

לייענט גלאַזמאַנ׳ס פּרעכטיקע באַשרייבונג פון דער לובלינער יידישער געטאָ, פון דער עפּושדיקער אָרעמקייט און פּוילעניש, וואָס נעסטעט דאָרט זינט הונדערטער יאָרן אין יידישן לעבן — און איר וועט זען ווי גלאַזמאַן דערפירט זיין יעדן געדאַנק ביז צום עקסטרעם, און ממילא אָפּטמאָל — ביז צום אַבסורד.

נאָכן שילדערן אין גערדיכטע פאַרבן דעם דאָזיקן געטאָ מיט דער גאַנצער פאַרגליווערטער דורות־לאַנגער פּוילעניש — קומט גלאַזמאַן „ווייטיקדיק און פיינלעך — און גלייכצייטיק באַרואיקנדיק״ — צו דער איבערצייגונג:

„ — דווקא דאָ, אין דער הייליקער אָרעמקייט, איז דיין אָרט.״

„ — בלויז אָט דאָ, אין אָט דעם קלימאַט, קענסטו און דיינס־גלייכן וואַקסן און געדייען״.

„אין אָט יענער ווילגאַטנער פּוילעניש און עפּושדיקן אויר, וואָס אין די ארומיקע צעקרומטע און צעהויקערטע הייזלעך, געפינט זיך די לופט, וועלכע איז פאַר דיינע לונגען — צעפּרעסן פון קראַנקע צווייפּלען פון יידישער גרויסשטאָט — ווי אַ היילונג, ווי אַ באַלזאַם!״ . . .

דאָ גייט אָסור ניט ביי גלאַזמאַנען אין דער פּאַראַדאָקסאַלער „רפואה״ צו „צעפּרעסענע לונגען״, דאָס באַהעפטן זיך מיט דער „לופט״ פון לובלינער געטאָ. גלאַזמאַן איז ביז איבערטרייבונג דורש־טיק נאָך דער ג י י ס ט י ק ע ר לופט, וואָס שטראָמט פון דאָזיקן געטאָ . . .

„זענען דאָך דווקא, — זאָגט גלאַזמאַן — פון אָט די לעכער, פון אָט די רינשטאָקן, פון אָט דעם עפּוש אַרויסגעקומען דער „אייזערנער קאָפּ״ און אנדערע גאונים; האָבן דאָך אין אָט די שפּאַלטן און מערות געלעבט און זיך אויסגעלעבט דער מהרש״ל, דער מהר״ם, דער מהרש״א און נאָך און נאָך״ . . .

איי, טאָמער וועט איר זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, אַמאָל, ווען דאָס יידישע לעבן אַפילו אין עפּושדיקן געטאָ, איז מער געווען צוגעפּאַסט, האָט פאַרמאָגט מער „קלימאַט״ פאַרן געבוירן און השפעה פון די אַלע דערמאָנטע נעמען, וואָס האָבן גייסטיק געווירקט אין יידישן

לעבן — פֿאַלט גלאַזמאַן ביי זיך ניט אַראָפּ און ער טראָגט אייך אונ־טער דעם נאָמען אויך פֿון אַ מאָדערנעם יידישן דיכטער, אַ געבוירע־נעם אין לובלין: יעקב גלאַטשטיין . . .

די פּראָפּאָרץ איז אַפּילו ניט קיין גוואַלדיקע. ווייסן מיר דאָך סיי ווי: דער רוב יידישע דיכטער און שרייבער קומען פֿון די שטעט־לעך, מיט געטאָס צי אָן געטאָס, אָבער גלאַזמאַנען גייט עס אין זיין צווייפֿלען, צו מענטשן פֿון גייסט אין יידישן לעבן, ק ע נ ע ן בכלל ווען אַרויסקומען אָדער ו ו ע ל ן ווען אַרויסקומען פֿון די ברייטע רחבותדיקע גאַסן און בולוואַרן פֿון די גרויסע שטעט . . .

און פּונקט ווי רב שניאור־זלמן האָט נאָך מיט קנאַפּע אָנדער־האַלבן יאָר הונדערט צוריק געהאַלטן, אַז פֿאַר מאַטעריעלע עשירות באַצאָלן יידן מיט זייער אָפּקערן זיך פֿון גאָט, אַזוי האַלט ברוך גלאַז־מאַן אין 1927, אַז —

„פֿאַר יידישער אייגנאַרט מוז מיר תמיד צאָלן מיט ביטערער מאַטעריעלער אָרעמקייט און פֿאַר אַ גרויסער דערגרייכונג פֿון וועלט־לעכן וואוילזיין און עשירות מוזן מיר באַצאָלן מיטן פֿאַרשווינדן פֿון אונדזער אייגנאַרטיקן לעבן" . . .

מען וואָלט אַוודאי געקענט מיט גלאַזמאַנען פּאָלעמיזירן און אים דערמאָנען, אַז . . . זיין געטאָ־שלידערונג שמעקט מיט געטאָ־אַפּאָ־לאָגיע און פֿאַלט זיך צונויף מיטן געשריי: „צוריק צום געטאָ!", וואָס איז — אין אָנבליק פֿון דער ביטערער ווירקלעכקייט אין יידישן לעבן — ווידער געוואָרן אַקטועל שוין אין יאָרן אַרום נאָך דעם ווי גלאַז־מאַן האָט די דערמאָנטע אַפּאָלאָגעטיק געשריבן. (אויפֿגעהויבן טאַקע דורך דעם דערמאָנטן יידישן דיכטער יעקב גלאַטשטיין, אין 1938). ניט מער . . . מיר וועלן ניט פּאָלעמיזירן צוליב צוויי טעמים: ראשית — גלאַזמאַן ווייסט וועגן דעם אַלעם אַליין גלייך מיט אַלעמען, און והשנית — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט קיין לאָגיק, נאָר מיט ג ע פֿ י ל. ווייל ווי באַלד ביי גלאַז־מאַנען איז „די גאַנצע צייט פֿאַראַן אַ געפֿיל פֿון היימישקייט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פֿילן אין ניו־יאָרק, למשל", — איז דאָך איבעריק יעדע לאָגישע אָפּווענדונג. גלאַזמאַן וואָלט זיך שוין סיי ווי ניט לאָזן אַראָפּשלאָגן פֿון זיין טיפֿסטער איבערצייגונג, אַז —

„אין אַט יענער ברייטער און גרויסער וועלט איז זיך טאַקע זייער גוט און זייער וואויל — אַלץ איז דאָרט גוט און וואויל . . . מער ניט: מ י ר זענען דאָרט אויף אייביק פֿאַרמשפּט צו פֿילן זיך —

אין דער פרעמד״ . . .

ווייל האָט ניט גלאַזמאַן אַזויפיל יאָרן זיך צוגעקוקט ביי זיך אין דער אַמעריקאַנער מדינה, זיך צוגעקוקט מיט נאָכאַנאַנד־נאָגנדיקן ווייטיק ווי די יידישע שפּראַך אין אַמעריקע ווערט אומאויפהערלעך באַליידיקט: אין דער פּרעסע, אין טעאַטער, אין גאַס? . . . אַז בלויז דער צייטונגס־זשאַרגאָן איז נאָך דאָמינירנדיק? אַז אין דער מדינה ווערט יידיש שוין באַלד אינגאַנצן אויס לעבעדיקע שפּראַך, ניט געקוקט דערויף, וואָס געוויסע קרייזן צאַצקען זיך נאָך מיט יידיש? . . .

יידישע שולן? — יאָ, זיי זענען אין אַמעריקע פאַראַן פון אַלערליי מינים און מדרגות, אָבער . . . גלאַזמאַן האַלט ניט, אַז אַלע זייערע אידעאַלע און העראָאישע אָנשטרענגונגען וועלן געבן רעזולטאַטן. יידיש אין די מיילער פון די תלמידים און תלמידות אין די דאָזיקע שולן — שוין, הייסט עס, דער בעסטער קערן אין אַמעריקאַנער יידיש־לעבן — בלייבט אַלץ אַ געקינצלט, פרעמד געוויקס . . . גלאַזמאַן איז אַליין געווען אַ לערער אין אַזעלכע שולן און דאָס האָט זיין איבערצייגונג געקרעפטיקט.

צום דאָזיקן פּראָצעס פון אַנטיידישן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע העלפן צו סיי די פּרעסע, סיי — דאָס טעאַטער. ניט נאָר דאָס שונדישע, נאָר אויך דאָס קינסטלערישע טעאַטער. די פּרעסע — דורך די ענגלישע „פּיידזשעס״, וועלכע עס האָבן נאָך פאַרמאָגט די גרויסע יידישע צייטונגען אין יאָר 1926, און דאָס קונסט־טעאַטער — דורך איבערגיין שפּילן אויף ענגליש . . . און גלאַזמאַן איז איבערצייגט, אַז אַזאַ זאַך איז אין אייראָפּע ניט מעגלעך. אין פּוילן, למשל, וועט קיין יידיש טעאַטער — און דערצו נאָך דאָס בעסטע — ניט איבערגיין צו שפּילן אויף דער לאַנד־שפּראַך. און די פּרעסע ווערט אויך מער קאָנטראָלירט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, און זי קען ניט זיין אַזוי ביליק, הפקרדיק, ווי איר וואָלט זיך אפשר וועלן זיין . . . אָבער אין אַמעריקע האָט קיינער קיין פּיפּס ניט געטאָן, הערנדיק, אַז דער איינציקער קונסט־טעאַטער גייט איבער צו ענגליש...

גלאַזמאַן פילט אויפסניי, אַז דער יידיש־אַמעריקאַנישער באָדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס. אַז ער וועט זיך שוין איצט, נאָכן „פאַרזוכן״ דאָס נאַטירלעכע יידישע קולטור־לעבן פון מזרח־אייראָפּע, מער ניט איינלעבן אין דאָזיקן לאַנד.

און אפשר — גאָר פשוט: ער האָט ענדלעך דערפילט די נויטיקייט זיך ערגעץ ענדגילטיק צו באַזעצן, כדי צו קענען רואיק שאַפן. אין אַמעריקע, האָט ער געפילט, וועט ער דאָס ניט קענען. בכן — מוז מען זיך ווידער לאָזן איבער דער וועלט . . .

קאַפּיטל פינף

אַלע וועגן פירן . .

1

אין אַ בריוו צו אַ פריינט אין ראַטן־פאַרבאַנד פּראוווט גלאַז־מאַן איבערגעבן זיין אינערלעכן געמיט־צושטאַנד און אומרו, וואָס טרייבט אים איבער דער וועלט:

„. . . איך בין אַ פאַרוואונדעטער פויגל, וועלכער וואַרפט זיך מיט לעצט־פאַרבליבענע כוחות פון אָרט צו אָרט. צאַפּלענדיק און וואַרפנדיק זיך אַזוי, רינט אים דערווייל נאָך מער אויס זיין בלוט. עד, ווען ער וואָלט געהאַט שכל צו בלייבן כאָטש אַ ווײַלע רואיק ליגן, וואָלט ער דאָך אויף אַזאַ אופן אויפגעהאַלטן כאָטש לענגער דאָס ביסל חיות זיינס. וואָס איז אָבער די פּעולה — אַ פויגל, ווייזט אויס, האָט אויף דעם קיין שכל ניט . . . רק סע צאַפּלט און סע וואַרפט זיך . . . און אומעטום לאָזט עס נאָך איבער הינטער זיך שנירלעך טריפנדיק בלוט — ווי ניט עסטעטיש! וואו און ווען וועט ער שוין פאַרט בלייבן רואיק ליגן? מסתמא ערשט אויף יענעם אָרט, וואו ער וועט האָבן שוין אַרויסגעצאַפּלט פון זיך זיין לעצט ביסל בלוט" . . .

די דאָזיקע אַלעגאָרישע באַטראַכטונגען כאַראַקטעריזירן אָבער גלאַזמאַנ'ס וואַנדערוועגן איבער דער וועלט צווישן אַנטלויפן פון זיך אַליין און — געיעג נאָך זיך אַליין.

ביזן יאָר 1930 וואַנדערט גלאַזמאַן אַזוי איבער אייראָפּע. אַלץ אין געיעג נאָך זיך אַליין.

אַ צייט געוואוינט אין פּוילן, אַ יאָר אין ראַטנפאַרבאַנד און דריט־האַלבן יאָר אין פראַנקרייך.

ער האָט אַלץ געזוכט אַן אָרט צו קענען רואיק — אינערלעך רו־איק — שרייבן. ער האָט אַלץ געהאַט דאָס געפיל, אַז ביז איצט — הגם שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט היפשע עטלעכע בענדער פון זיינע געזאַמלטע שריפטן — האָט ער דערעיקרשט בלויז געטראַכט פון שרייבן. געפּלאַנעוועט. ער מוז זען דעריבער אַ סך אָניאָגן. ער מוז דאָך ענדלעך זיך נעמען פאַר אָט „יענע" אַרבעט, וואָס ער חלומט צו טאָן שוין פון סאַמע אָנהייב זיין ליטעראַרישער טעטיקייט . . .

אָבער ער האָט נאָך אַלץ דאָס געפיל, אַז ער געפינט זיך אויף אַ שייד־וועג, אויב נישט אויף אַן אומוועג . . . אמת, ער פילט זיך אַלץ ווי דער אַמעריקאַנישסטער צווישן די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער, נאָר וויבאַלד ער איז איבערצייגט, אַז אין אַמעריקאַנישן יידישן לעבן איז ניטאָ קיין אָרט פאַר יידישע שרייבער, וואָס־זשע האָט ער דאָרטן צו טאָן? . . . די פראַגע איז נאָר: ו ו אַ ו ה י ן ? וואו זאָל זיך אַזאַ איינער, אַ שטימונג־מענטש, באַזעצן? ער ווייסט אַז דער לאַגיש־סטער ענטפער וואָלט געווען: ראַטן־פאַרבאַנד . . . דאָרט נויטיקט מען זיך אין יידישן שרייבער, דאָרט בליט דאָס יידישע וואָרט, ווי נאָך קיינמאָל אין ערגעץ ניט. אָבער . . . דאָרט נויטיקט מען זיך ניט אין אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר יידישע שרייבער. ס׳הייסט: מענטשן, וואָס דאַרפן אפשר אַ גאַנץ לעבן אויף אויסלעבן אין זיך קינסטלעריש דווקא דאָס אַמעריקאַנישע . . . פשוט: אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרף זיך אַ יידישער שרייבער פון דאָס נייע איבערברעכן, אָט פונקט ווי אַ „גרי־נער” אין אַמעריקע . . . אָבער אויף אַ נייעם איבערברוך, פילט גלאַזמאַן, קלעקן ביי אים קיין כוחות ניט. פאַר בערגעלסאָנען איז אַזאַ פּראָצעס געווען ניט שווער, ווייל זיין גאַנץ פריערדיק שרייבן איז געווען אַ פּרעלודיע צום סאָוועטישן עטאַפּ, בעת ער, גלאַזמאַן, איז דאָך פון אַן אַנדער טייג געקנעטן. אַן אַנדער פּסיכיק, מיליע און טייל־ווייז אויך וועלט־באַנעם . . .

2

איז אויך זיין צווייטער אַנטלויפן פון אַמעריקע ניט געווען קיין סך גליקלעכער פאַר גלאַזמאַנען, אין פרט פון געבן אים די מעגלעכ־קייט צו שאַפן „יענע” אַרבעט, וועגן וואָס ער האָט שטענדיק גע־חלומט.

אמת, אַ היפּשער טייל פון זיינע קינסטלערישע פּלענער איז רעאַ־ליזירט געוואָרן, ווייל די פאַר יאָר אין פראַנקרייך האָט גלאַזמאַן צו פאַרדאַנקען דאָס אָנשרייבן זיין גרויס ווערק: „לענדער און לעבנס”. נאָר וואָס איז דאָס אַלץ לגבי דעם געפיל, אַז . . . ער ווייסט ניט וואו ענדגילטיק זיך צו באַזעצן? יאָרן גייען, אייראָפּע איז ווידער געוואָרן אומרואיק. אייראָפּע שטייט ביים צעטומלטסטן שייד־וועג פון איר גע־שיכטע און אַ שרייבער מוז האָבן אַ רואיקע היים, מיט נאָרמאַלע עק־זיסטענץ־מעגלעכקייטן אויף צו קענען רואיק שאַפן. און גלאַזמאַן

דערפילט ענדלעך, אַז ער וועט מוזן צוריקפאָרן אַהין, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן . . .

לכתחילה, פאַרלאָזנדיק אַמעריקע — צום צווייטן מאָל, שוין מיט דעם געדאַנק, קיינמאָל ניט מער צוריקצוקומען, — האָט ער דער־ביי געהאַט זיינע פאַנטאַזיעס: ער וועט זיין פיזיש ווייט פון אַמעריקע, וועט ער אפשר מער דערפילן גייסטיקע באַנטקייט... נאָר אָט איז דאָס אַלטע גלאַזמאַנישע צאַפּלען זיך אין אַ נעץ פון געפילן און שטימונ־גען, וואָס זענען נאָך אַלץ פאַראַנקערט צום זעלבן באָדן, פון וואַנען ער האָט געמיינט, אַז ער איז אַנטלאָפן . . . דאָס זענען דיזעלבע אומ־זיכטבאַרע פעדעם, פאַרבונדן מיטן אור־שורש, וואָס האָט גלאַזמאַנען בכלל פאַרוועבט אין דער נעץ פון יידיש־שרייבעריי. דער פאַקט, וואָס נאָך יאָרן־לאַנגן וואַנדערן און קאַמף מיט זיך אַליין, האָבן אַלע וועגן ווידער געפירט צום אָרט פון אַנטלויפן — באַשטעטיקט, אַז פון זיך אַליין אַנטלויפט מען ניט. גלאַזמאַנ׳ס אָרט אין דער יידישער ליטע־ראַטור, פאָדערט זיין בלייבן אין אַמעריקע, מיטמאַכן דעם גורל פון די אַלע, וואָס זענען מיט יידיש פאַרבונדן.

אמת, אין די ראַמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט, אויפן פאָן פון דער ירידה־צייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, פון וועלכער יידן זענען אַממערסטן די קרבנות, איז דער וועג פון אַ יידישן שריפט־שטעלער — בפרט פאַר איינעם מיט אחריות פאַר זיין שאַפן — תמיד אַ שווערער, אַ פּיינלעכער. ער שטערט די שאַפונג־מעגלעכקייטן — און די מעגלעכקייטן דאָס געשאַפענע צו זען געדרוקט; אמת, אָפט פאַלט מען אַריין אין אַפּאַטיע — אויב ניט פאַרצווייפלונג — צוליב די שווערע טיש־קעסטלעך מיט מאַנוסקריפּטן, אַז עס רייסט זיך פון זיך אַליין די פראַגע: צו וואָס און פאַר וועמען שאַפן?

נאָר איז דען אַפּאַטיע, צי פאַרצווייפלונג אַ מיטל, אַן אויסוועג? דער שרייבער מיט אחריות דאַרף דאָך, מער ווי דער מאַסן־מענטש, זיין באַהערשט פון באַוואוסטזיין וועגן זיין ראָלע אינעם קאַמף, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער וועלט צווישן קעגנזעצלעכע כוחות. עס בלייבט נאָר איינס פאַרן שרייבער: צוהעלפן צום קאַמף קעגן די פינצ־טערע כוחות, וואָס זענען גרייט אַלע מענטשלעכע ווערטן צו פאַרניכטן. נאָר דער זיג פון דעם בעסערן טייל אין דער מענטשהייט, וועט לעזן אַלע שווערע לעבנס־פּראָבלעמען. אין קעגנפאַל, וועט סיי ווי יעדעס מענטשלעכע שאַפן זיין אומנויטיק און אוממעגלעך . . .

3

אין צווישן־צייט, פאַר זיין לעצטן אומקערן זיך קיין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט גלאַזמאַן זיינע „בריוו פון אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור", וואו ער קערט זיך ווידער אום צו זיין אַלט פּראָבלעם: יידיש . . . גאָרניט האָט זיך געענדערט אין זיין שטעלונג. עס זענען די אַלטע אונטערגאַנג־מאָטיוון, וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַרקערפּערט אין זיינע פריער־דערשינענע ווערק.

לכתחילה דעפינירט גלאַזמאַן, וואָס הייסט אַזוינס אַן אַמעריקאַנער יידישער שרייבער; אַז ניט בלויז אַן אַמעריקאַנער פּאַס אין קעשענע, אָדער פאַרברענגען עטלעכע יאָר אין אַמעריקע, אַטעסטירן דעם אַמעריקאַנער יידישן שרייבער. מען מוז זיין דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער אַמעריקאַנער אייגנאַרט, איר קולטור און ליטעראַטור. ס'רוב יידישע שרייבער האָבן מער ווי די אויבערפלאַך פון אַמעריקע קיינמאָל ניט דערגרייכט.

ווייטער אַנטוויקלט גלאַזמאַן דעם געדאַנק, אַז אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואו יידן לעבן אַ ניי, גרויסשטאָטיש לעבן, אין קעגנזאַץ צו גאַנץ מזרח־אייראָפּע, וואו סיי דאָס לעבן, סיי די ליטעראטור, איז עד־היום געבליבן שטעטלדיק. ניט בעסער איז אויך אין די מערב־אייראָפּעאישע צענטרען, וואו עס וואַקסן אויס די מאָדערנע יידישע געטאָס . . . ערטערווייז אַפילו אויך קלעריקאַל, ווי אין פאַרגאַנגענע צייטן.

אָבער גראָד אָט די גרויסשטאָטישקייט, דער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס באַווירקט דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן, שטערן די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אַ נאַטירלעך וועלטלעך יידיש לעבן . . . „עס איז אָפּגעווישט די זאַפטיקע באַזונדערקייט פון שפּראַך און איינגעפונדעוועטן לעבנס־שטייגער, אויף וואָס עס שפּייזט זיך אין אַ גרויסער מאָס דער קינסטלער־רעאַליסט". אָבער גלאַזמאַן האַלט, אַז אויף ר ע אַ ל י ז ם, איז אַמעריקע אַ זייער שלעכטער מקום פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

און גלאַזמאַן ציט ווייטער דעם פאָדעם פון זיינע באַטראַכטונגען: „אין אַמעריקע פעלט לגמרי דער באָדן פארן פ אַ ר ו ו אָ ר צ ל ע ן זיך פון יידישן וואָרט. די יידישע שרייבער זענען זייער ווייניק פאַרבונדן מיטן אַרומיקן לעבן, אַפילו מיטן זיך שאַפנדיקן נייען. אָ, עס זענען נאָך פאַראַן באַזונדערע יידישע שטאָט־קוואַרטאַלן, אָבער —

עס פעלט די פעריפעריע, דאָס „הינטערלאַנד", דאָס, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר אַ קינסטלער".

גלאַזמאַן שטעלט פעסט, אַז „ווען אַ יידישער שרייבער פאַרלאָזט ניו־יאָרק, און וואוינט אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט, האָט ער דאָס געפיל, ווי ער וואָלט, אינעם וועלטלעך־יידישן זין, אַריינגעפאַלן אין אַ מדבר" . . .

גלאַזמאַן חזרט איבער זיינע אַמאָליקע אַרגומענטן, וועגן דער פאַרקריפּלטקייט פון דער יידישער שפּראַך, וועגן שפּראַכלעכן פונאַנדערפאַל, וואָס יעדער זעט, נאָר ניט אַלע ווילן עס אָפן מודה זיין . . .
און עס קומט די ווייטערדיקע טרויעריקע פעסטשטעלונג: אַ ל ע קלאַסן און שיכטן אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, האָבן אין פּרט פון שפּראַך, אַ גלייכע באַציאונג . . . ווער שמועסט נאָך די יידישע יוגנט — זי איז מיט דער פלייצע צו יידישער שפּראַך און ליטעראַטור . . . דעריבער . . . דעריבער, „איז דער בעסטער און גרעסטער טייל אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור, ניט קיין נאַטירלעכער אַרויסוואוקס פון די אָרטיקע באַדינגונגען, נאָר גיכער אַ קאַפּריז פון מענטשן עקשנים. וואָס ווילן, הייסט עס, ד ו ו ק א שאַפן יידישע ליטעראַטור" . . .

און צו נאָך אַן אויספיר קומט גלאַזמאַן:

אין די אויבנדערמאַנטע באַדינגונגען ליגן די סיבות, פאַרוואָס מאַנכע יידישע שרייבער יאָגן זיך נאָך היסטאָרישער טעמאַטיק פאַר זייער שאַפן. וויבאַלד דיווירקלעכקייט איז כאָאַטיש, אומבאַשטימט, איז באַקוועמער זיך צו באַהאַלטן אין די פאַלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואו מען קען געפינען שיינקייטן.

פונדעסטוועגן . . . ליטעראַריש־שעפעריש צעקריגט מיט דער וועלט איז גלאַזמאַן קיינמאָל ניט געווען און איז איצט אויך ניט פאַרבליבן. פאַרנעמט ער ווייטער זיין פּאָסטן, און גראָד אויפן לינקן פליגל, אינעם קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־און שרייב־באַדינגונגען פאַר יידישע שרייבער־„עקשנים" . . . אפשר דערפאַר, ווייל דערוויל האָט ער שוין אויסגעלעבט אין זיך די שפּורן פון זיינע אַמאָליקע שטימונגען, די אונטערגאַנג־מאָטיוון פון זיינע העלדן אין אַ גאַנצער ריי ווערק. אָבער לאָמיר טאַקע — ווי באַלד מיר האָבן זיך כאָטש אביסל באַקאַנט מיט גלאַזמאַנען דעם מענטש — זיך אויך באַקענען מיט זיינע ביז־איצטיקע ווערק.

קאַפּיטל זעקס

אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג.

1

„פרעמד זענען מיר. אין אייגענער היים איינזאַם — פרעמד, אַליין — — — זענען מיר דאָך טוצן בלויז און נאָך וויניקער. אויף די פינגער קען מען ציילן אונדז . . . טרייסטן מיר זיך מיט האָפענונגען אילוזאָרישע, מיט טרוימען ניט־באַגלויבטע . . . אונדזער בלוט און מאַרך און אונדזער פּיין אין דאָס ביסל לעצטע האָפענונגדיקע שאַפן וועבן מיר אַריין . . . אַליין, אַליין" . . .

— — — — —

„— ברודער מיינער. מיר זענען פרעמדע . . . פרעמד דעם אייגענעם פאָלק. דעם בלוט און פלייש דעם אייגענעם . . וואָכעדיק זענען פאַר זיי אונדזערע הייליקסטע געפילן, זיי ווערן געמאָסטן מיט גאָלד און געלט" . . .

דאָס איז דער באַגלייט־מאָטיוו צו אַלע גלאַזמאַנ'ס אונטערגאַנג־מאָטיוון אין זיינע ווערק פון ערשטן פעריאָד, ד.ה. אין די שאַפונגען פון נאָך די מלחמה־יאָרן ביז זיין ע ר ש ט ן מאָל פאַרלאָזן אַמעריקע.

אין יענער צייט איז דאָך דאָס אונטערגאַנג־פּראָבלעם ביי גלאַזמאַנען געווען אַן אידייע פיקס, געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון זיין נשמה. ער האָט דאָך אַמטיפסטן איבערגעלעבט מיט אַלע פיבערן פון אַ יונגער נשמה די טראַגיק פון זיינע פאַרשווינען. דעריבער איז דאָך זיין געזאַנג פון אונטערגאַנג אַרויסגעקומען אַזוי טרויעריק און ווייטיקדיק. אַ לעבן־לאַנג אויסגעטראָגענער צער איז געקומען צום אויסדרוק: האָט עס געמוזט זיין אַזוי עכט, אַזוי מיטרייסנדיק. ס'איז געווען די בענקשאַפט און שטומער צער נאָך דעם אַוועקגייענדיקן, ווי גלאַזמאַן האָט עס אויפגעכאַפּט ביי זיינע „העלדן", וואָס בלאָנקען אַרום „פאַרפרעמדטע, פאַראיינזאַמטע אין דער אייגענער היים" . . .

אַזוי קלאָגט זיך אין די אָפּגעריסענע, קרענקלעך־אָנגעשריבענע בלעטלעך דער שוייגנדיקער, אין זיך פאַרשלאָסענער ש ו ו י י ,

אין די קאַפּיטלען פון דעם ניט־פאַרענדיקטן ראָמאַן „אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג". ניט בעסער איז עס אויך מיט אַלע איבעריקע גלאַזמאַנ׳ס טיפּן און געשטאַלטן פון ד ע ם אַ זשאַנר דער־ציילונגען.

דער דאָזיקער ערשטער טייל גלאַזמאַנ׳ס טיילט זיך איין אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַ רעאַליסטישע און אַ האַלב־מיסטישע.

אין דער ערשטער קאַטעגאָריע פירט גלאַזמאַן דורך אַ ריי טיפּן און געשטאַלטן, וואָס ווירקן און לעבן זיך אויס אויף אַ רעאַלן מענטש־לעכן אופן. זייער געדאַנקען און אידייען — אומאָפּהענגיק פון אונדזער סוביעקטיווער באַציאונג צו זיי — זענען אונדז לאָגיש און פאַרשטענדלעך. אַנדערש איז אָבער די צווייטע טיפּן־ און געשטאַלטן־קאַטעגאָריע. דאָ, אין דער האַלב־מיסטישער וועלט, לעבן ניט די מענטשן קיין נאַטירלעך לעבן, נאָר פאַרמאָגן שטימונגען, סענטימענטן און ראָמאַנטישע חלומות איבער פאַרשוואונדענע רעאַליטעטן . . .

געדענקען מיר אָבער, אַז די אַלע דערציילונגען פון דער סע־ריע „אויף דיין לאַנד", טראָגן די דאַטע פון 1919. דער פּעריאָד פון סוף מלחמה און בירגער־קריג, ווען פּאָגראָמען האָבן חרוב געמאַכט דאָס יידישע לעבן אין מזרח־איראָפּע, די היים טאָקע, פון וואַנען גלאַזמאַן שטאַמט . . . אין אַזעלכע מאָמענטן איז אַ דיכטערס האַרץ באַזונדערס עמפּינדלעך צו נאַציאָנאַלע סענטימענטן, בפרט נאָך, ווען זיי האָבן פריער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויסצולעבן.

גלאַזמאַנ׳ס וויטיק איבער דער אונטערגייענדיקער אַמעריקאַנער יידישקייט גיסט זיך צונויף מיטן צער פון זיינע פאַרשוינען — רעאַלע צי אויסגעחלומטע פון דיכטערס פאַנטאַזיע — וואָס ער באַגעגנט אי־בער זיינע וואַנדערונגען. צי דאָס איז „אויף די פעלדער פון דזשאָר־דזשיאַ", צי ערגעץ אַנדערש, אַפילו אין די ווינקלען פון קאָמפּאַקטן ניו־יאָרק. אומעטום איז דער מענטש עלנט. אומעטום איז דער יחיד, — דער אומצופרידענער און ניט־פאַרשטאַנענער — איינזאַם. און בעת פאַר גלאַזמאַנען — צוליב זיין פערזענלעכן גיין ביים ראַנד פון קאָכיקן לעבן — איז שווערער אויפצונעמען דעם ברייטן שטראָם, וואָס טראָגט ווי אַ לאַווינע אַלע אָפּפאַלן און שמוץ — איז אים אָבער גרינגער אויפצונעמען יחידים. הערן דעם קרעכץ פון אָפּגעזונדער־טע, פאַרוואָרפענע מענטשן, פון קליינע ריטשקעלעך, ביי די ראַנדן פון גרויסן שטראָם . . .

2

אַזוינס האָבן מיר אין דער דערציילונג „ביינאַכט". אַ ייִד, אַ פאַר־וואָרפּענער אין אַ וויטער שטאָט, אַ פאַרפרעמדטער פון יידן און יידישן לעבן, דערפילט מיטאַמאָל, אַ דאַנק אַ צופאַל פון געפינען אַ יידישע צייטונג „פון וועלכער בלוט גיסט זיך" (ס'איז די צייט פון די אוק־ראַינער פאָגראָמען אין 1919), דעם אינסטינקטיוון צאַפּל פון יידישער אָפּשטאַמונג. אין זיין נשמה קומט פאָר, אַ דאַנק אָט דעם טראַגישן פאַל, אַן איבערקערעניש. ער דערגייט צו מיסטישע וויזיעס, וואָס דערפירן אים סוף־כל־סוף צו רעליגיעזן עקסטאַז — און משוגעת.

און אין „שוין צייט צו דאַווענען מערב" — אַ זייער שטאַרקע שטימונגס־זאַך, דערפילן מיר ממש דעם אָטעם פון פחד, וואָס עס לעבן איבער מענטשן פאַראייניזאַמטע צווישן פעלד און בערג. ס'איז דער פחד פאַר די אָנקומענדיקע ימים נוראים. אומזיסט וועט איר דאָ זוכן שכל און לאָגיק. דאָ הערשט אַלץ געפיל, אַ פאַרבאַרגענער אינער־לעכע שטימע, וואָס רופט און מאָנט . . . די שטימע פון אונטער־גייענדיקן, וואָס וויל ניט אונטערגיין. אַ שטימע, וואָס קלינגט אָפּ מיט אַ באַזונדערן עכאָ, אין דער איינזאַמקייט פון דער אַרומיקער נאַ־טור. יעגע אייביקע קראַפט, וואָס איז בכוח צו שאַפן אַלערליי שטי־מונגען און נשמה־וויבראַציעס. לגבי זיי קאָן אַזאַ געפיל־דיכטער ווי גלאַזמאַן, ניט בלייבן גלייכגילטיק.

צום זעלבן זשאַנר דערציילונגען מיט סענטימענטאַל־ראָמאַנטישן אינהאַלט געהער אויך די גאַנצע דערציילונג־סעריע „פאַרטונקלט גאָלד".

פאַרטונקלט גאָלד — דאָס איז עס דאָך, דאָס פאַרטונקלטע, אָפּ־געבליאַקעוועטע יידישקייט, וואָס גייט אונטער אין אַמעריקע צווישן די צעשטויבטע רעשטלעך פון יידישן לעבן. דאָס איז דאָך אייגנט־לעך דער גאָלדענער רעליגיעזער שטויב, וואָס צייטן און דורות האָבן קאָנאָניזירט אין יידישן לעבן, אויסגעפאָרמירט אין באַשטימטע לעבנס־פאָרמען און השגות.

אָבער ניט אַלעמאָל ווערן דיכטערישע עמאָציעס באַווירקט דורך ראַציאָנאַליסטישע אָבסערוואַציעס איבער דער ווירקונג פון צייט, דורך דער אייביקער באַוועגלעכקייט און פאָרם־אומבייטן; אָפט שטאַמען זיי פון סענטימענטן, וואָס זענען אין סתירה מיט דער לאָגיק פון זאַכן, ווי זיי זענען אין דער רעאַליטעט.

די שײַנקײט פֿון די סיפּור־המעשׂיות שטערט ניט זיך צו פֿאַרטראַכטן איבער גלאַזמאַן דעם שעפֿער פֿון קרעפּטיקע רעאַליסטישע זאַכן, זאַכן, וואָס ווירקן מיט רײן־קינסטלערישע מיטלען און אין אַ גאַנץ אַנדערן גײַסט. אויף אַ מאָמענט גיט אַפֿילו אַ שימער די סכּנה, אַז דער ראָמאַנטיזם זאָל ניט פֿאַרטונקלען דאָס גאָלד פֿון גלאַזמאַנ׳ס געזונטן, לעבנסלוסטיקן רעאַליזם.

די דערציילונגען פֿון אָט דעם זשאַנר („גאָלד פֿון די פֿענצטער", „די ביין יידן", „צווישן לענדער") זענען אָנגעשריבן געוואָרן, ווי גלאַזמאַן האָט מיר איינמאָל דערציילט, אין אַ באַשטימטן פּעריאָד, אונטער דער ווירקונג פֿון אַ יידישן לערער אין די ניו־יאָרקער שלום־עליכם שולן, וואו גלאַזמאַן איז דעמאָלט אויך געווען לערער. יענער האָט גלאַזמאַנען איבערצייגט, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידישע קינד נויטיקט זיך אין דערציילונגען פֿון דעם זשאַנר. מסתּמא כּדי אין אָט די קינדער אַרויסצורופֿן די אילוזיע פֿון אַ באַזונדער יידיש לעבן, יידישע פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע, ווי אַ ק ע ג נ ג י פ ט צו זייער אַמע־ריקאַנער טאָג־טעגלעכקייט . . . און ווייל אָט די „באַשטעלונג" איז זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיטן פֿאַקט, וואָס אויך אין גלאַזמאַנ׳ס נשמה האָבן אָט די שטימונגען צו יענער צייט געשפּילט, זענען זיי אַרויסגעקומען אַזוי קינסטלעריש עכט און וואָרהאַפֿטיק.

נאָר סיי ווי סיי: ס׳איז געווען דער איבערגאַנג־מאָמענט אין גלאַזמאַנ׳ס שאַפֿן. דער אָנהויב פֿון אויסלעבן סיי אין זיך גופֿא, סיי אין זיין שאַפֿן, אָט פֿון דעם שווערן באַגאַזש, וואָס האָט אויף אים גע־דריקט.

3

דער ערשטער אויסדרוק פֿון גלאַזמאַנ׳ס איבערגאַנג צו רעאַליס־טישע פֿאָרמען אין זיין שאַפֿן, דערשיינט אין זיין דערציילונג „כּרת".

דער אינהאַלט, דער תּוך, איז נאָך אַלץ דער זעלבער: מאָטיוון פֿון אונטערגאַנג, אָבער — דער בייגעשמאַק פֿון ראָמאַנטיזם וועבט זיך פֿאַמעלעך אויס. און דאָס — הגם מיר האַלטן נאָך אַלץ ביים פּעריאָד פֿון 1919 אין גלאַזמאַנ׳ס שאַפֿן.

אמת, אַ דינינקער שלייער פֿון וויזיאַניזם הילט נאָך אַלץ איין די געשטאַלט פֿון העברעאישן לערער, מיטן אַביסל סימבאָלישן נאָמען זרחי (פֿון „זר", פֿרעמדער?), אָבער — דער רעאַליזם גייט דאָ אויף שטאַרקער, ווירקנדיקער.

דער דאָזיקער העברעאיש־לערער קרענקט צוביסלעך אויף מאָדערנע חקירות, אַביסל אַ „העכערע" מדרגה פון אַמאָליקער ישיבה־בחורישער בטלנות — פילאָסאָפירט ער וועגן די „אייביקע פּראָבלעמען". ער איז איבערצייגט אינעם טעות פון דער „יצירה", וועגן דעם, אַז דער באַשעפער האָט חרטה אויף זיין באַשאַף און וויל אים אָפּטעשטערן; מער ניט, די מענטשן „שרייען אָפּ" די גזירה . . . באַשליסט טאָקע אונדזער חקרן „צוצוהעלפן זיין העכערן חבר, גאָט, כדי די וועלט זאָל צוריקקומען צו איר פאַר ששת ימי־בראשיתדיקן מצב"...

אונדזער פילאָזאָף באַשליסט צו קומען צום ציל דורך אַ פשוטן און גאָר ניט אָריגינעל מיטל:

— פרעדיקן אונטערגאַנג דורך אָפּשטעלן דעם המשך פון מענטשלעכער יצירה.

שולדיק סיי אין זיין באַשלוס, סיי אין דער סיבה פון זיין גאַנצן פעסימיזם, איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס געפיל — גיכער, די איבערצייגונג — אַז דאָס יידישע פאָלק, וויניקסטנס אין אַמעריקע, גייט סיי ווי אונטער.

„ — צי זעט ער דען אַליין ניט, אַז דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער? — טענהט זרחי צו זיך אַליין — און וואָס איז דען דער וואונדער? אַז עס לעבט שוין אַזוי אויך לאַנג און דורך אַ נס, ווי אויף אַ דינער האָר... ס'איז אייגנטלעך אַפילו קיין לעבן ניט געווען, נאָר אַ לאַנגע, כאָרכלענדיקע גסיסה . . . כאָטש אָט דאָס דאָזיקע כאָרכלען איז פאַלש אויפגענומען געוואָרן, ווי אַ צייכן פון לעבן, און אַמאָל אַפילו — ווי אַ סימן פון אויפלעבונג" . . .

אַזוי פילאָזאָפירט זרחי און באַשליסט טאָקע מיט זיך אַליין אָנצוהייבן דעם אונטערגאַנג־עקספּערימענט . . . ע ר וועט ניט האָבן קיין קינדער!

ער האָט אַפילו יאָ חתונה, אָבער בכ י ו ו ן מיט אַ מיידל ניט קיין געזונטע, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַן אַריסטאָקראַטישער, דעגענערירטער פאַמיליע. ער האָט זיך פאַרזיכערט, אַז קיין קינדער וועלן ניט זיין . . .

אָבער די גאַנצע „פילאָזאָפיע" ווערט בטול, ווי אַ רעזולטאַט פונעם בלויזן ריין־מענטשלעכן אינסטינקט ווייטער צו פלאַנצן דעם אייגענעם מין און איבערלאָזן אַ לעבעדיקן וועזן נאָך זיך. פון אָט דעם אינסטינקטיוון דראַנג קען זיך אונדזער חקרן ניט באַפרייען, ביי אַלע זיינע אָנשטרענגונגען אים צו באַקעמפן. ער פאַלט אַריין אין קראַנקהאַפטע וויזיעס, ביז זיין פרוי טרעפט אים אַמאָל שפּעט ביינאַכט

אַ שלאָפנדיקן, צודריקנדיק צו דער ברוסט אַ קינדער־פּופּע, וואָס ער האָט אין אַ מאָמענט פון בענקשאַפט־עקסטאַז צוגענומען ביי זיין שוועסטערס קינד . . .

דער איינגעבוירענער מענטשלעכער אינסטינקט, הייסט עס, דאָס ריינע נאַטירלעכע געפיל, ווייזט זיך אַרויס שטאַרקער, כאָטש ס׳איז אין סתירה מיט אַלע פאָרמולעס און טעאָריעס געבוירענע אין קראַנקע מוחות. זיי זענען אין סתירה צו די לעבנס־איינהאַלטן, וואָס רירן אָן טיפע אומדערקלערלעכע לעבנס־פּראָצעסן און נאַטור־געזעצן. גלאַזמאַן האָט זיך מיט אָט דער דערציילונג ווי אַליין געגעבן אַ לעקציע פאַר זיין ווייטערדיקן וועג.

אָבער איידער מיר גייען איבער באַטראַכטן די סאָציאַלע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן אין זיין שאַפן, וועלן מיר פריער אַביסל באַטראַכטן בכלל דאָס פּראָבלעם פון עראָטיזם ביי גלאַזמאַנען.

קאַפּיטל זיבן

עראָס און פּסיכע.

„. . . אַ בינע איז די גאַנצע וועלט,
פרויען, מענער — שפּילער בלויז".

1

ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס עראָטישע פּראָבלעם, אין דער געשטאַלטונג פון גלאַזמאַנ'ס ווערק, איז אפשר ניט אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פאַרן אָרט, וואָס ער, גלאַזמאַן, פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור — ווייל כאַראַקטעריסטיש איז ער אין זיינע אונטערגאַנג־מאָטיוון — פאַרנעמט אָבער אויך דאָס עראָטישע פּראָבלעם אַ גרויס אָרט אין גלאַזמאַנ'ס שאַפן, בילדעט אַ וויכטיקן קווינט־עסענץ און טראָגט אַריין אַ באַזונדער קאָלאָריט אין די עראָטישע עלעמענטן אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

גלאַזמאַנ'ס עראָטישע דערציילונגען פאַרמאָגן אין זיך סיי אַ שפע פון געדאַנק, סיי לעבהאַפטיקייט און סיי רייכע, פּלאַסטישע בילד־לעכקייט. ערטערווייז פילט זיך שוין די איבערגעלאָדנקייט פון קינ־סטלערס מיטלען, דאָס שווער באַהערשן דעם שטראָם פון פאַרבן, פון וועלכע דער לייענער מוז זיך אָפט פאַרכלינען. אָבער דאָס איז שוין אַן אייגנטלעכער כאַראַקטער־שטריך פון גלאַזמאַנ'ס קינסטלערישער פערזענלעכקייט. פון דער פּאָטענציעלער עשירות, וואָס ליגט אין די טיפעניש פון דעם קינסטלערס נשמה.

ווי אַזוי באַהאַנדלט גלאַזמאַן זיינע עראָטישע סיטואַציעס און ווי אַזוי טרעטירט ער דאָס גאַנצע פּראָבלעם?

ווען מען פאַרטראַכט זיך אין דער אינערלעכער וועלט פון מענטשלעכן לעבן, אין דער וועלט פון עמאָציעס, וועלן מיר זען, אַז באַשטימטע פּסיכישע אַטריבוטן בלייבן אומפאַרענדערט אין אַלע צייטן. ניט געקוקט אויף אַלע אויסערלעכע, צייטלעכע און געזעל־שאַפטלעכע אומבייטן, בלייבן אָבער געוויסע גרונט־יסודות פון מענטש־

לעכן לעבן כמעט אומפאַרענדערט. געוויסע פסיכישע אייגנשאַפטן זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענטשן פון אַלע צייטן און דורות. דערפון קומען מיר צום אויספיר, אַז אויך אין אונדזער הײַנ־טיק לעבן, זענען אונדזערע האַנדלונגען און געפילן נאָר וואַריאַציעס פון די געפילן און עמאָציעס פון אַמאָליקע מענטשן. ניט מער, עפּעס פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן, געוויסע אויסערלעכע פאָרמען, וואָס זע־נען אָפּהענגיק פון פאַרשטאַנד און פון דערפאַרונג — נעמען אָן נייע פאָרמען און באַקומען נייע אויסדרוקן. אָבער דער תוך, די נשמה בלייבט די זעלבע. בלייבן ממילא דיזעלבע אַלע אירע וויבראַציעס פון ליידן, פריידן.

די ליטעראַטור, וואָס איז דער עכאָ און דער שפּיגל פון מענטש־לעכן לעבן, איז אויך אין תוך געװוּמען אַ וואַריאַציע אויף דער טעמע פון אייביקן לעבנס־שפּיל צווישן מענטשן. וואָס קען זי דען ברענגען פאַר אַ נייעס אינעם עראָטישן פּראָבלעם, וואָס איז אידענטיש מיט דער מענטשלעכער אייביקייט?

פונדעסטוועגן קאָפּירן ניט קינסטלער דאָס שוין פאַרגאַנגענע, אין דער צייט, ווען דאָס לעבן גופא קאָפּירט גראָד יאָ דאָס געשטאַר־בענע. קינסטלער באַלייכטן מיטן ליכט פון זייער פערזענלעכקייט, יעדער אויף זיין אופן, טאַקע די זעלביקע אייביקע מאַטעריע. זיי שפּיגלען זי אָבער אָפּ מיט דער קראַפט פון זייער קונסט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן.

דאָס עראָטישע פּראָבלעם איז טאַקע אייביק, ווי דאָס לעבן, אָבער יעדער עכטער קינסטלער טראָגט צו אים צו זיין ליכט, דעם אָפּשיין פון זיין פערזענלעכקייט.

2

פונקט ווי אין באַצוג צום אונטערגאַנג־פּראָבלעם, איז גלאַזמאַן אויך אינעם פּרט פון עראָטיזם באַהערשט פון סקעפּטיציזם, פון אומ־גלויבן אין די שעפערישע כוחות פון דער ליבע. גלאַזמאַן זעט אין דער מאַן־און־פרוי ליבע בלויז דעם נעגאַטיוון מאָמענט, דעם איי־ביקן געראַנגל צווישן ער און זי, דעם אייביקן קעגנזייטיקן האַס פון די געשלעכטער, ניט געקוקט אויף דאָס אייביקע קעגנזייטיקע באַגערן, געטריבן פון אַ בלינדן פאַטום, זיך צו פאַראייניקן . . .

דאָ דאָמינירט ניט דער סטרינבערגישער האַס צו דער פרוי אַלס אַזעלכער, הגם אויך ביי גלאַזמאַנען שפּילט די פרוי אין אַ גרויסער מאָס אַ דעמאָנישע ראָלע, דעם צעשטערערישן פאַקטאָר אין דער ליבע. גלאַזמאַנ׳ס פרויען־טיפּן נאַרן טאַקע אַלע די מענער, זיי טוען עס מיטן הנאה־געפיל פון מענטשן, וואָס דערפילן דערמיט שיעור ניט אַ באַזונדערע מיסיע אין לעבן . . .

אַ חוץ דעם, דערשיינען די מערסטע פרויען־טיפּן ביי גלאַזמאַנען אַלס הערשערישע נאַטורן. פאַר זיי זענען די מענער ס׳רוב נאָר אָביעקטן פאַר ז י י ע ר ליבע־באַפרידיקונג, — דער מאַן לאָזט זיך תמיד באַווירקן פון דער פרוי . . .

און זיגן זיגט תמיד ביי גלאַזמאַנען די פרוי מיט איר גוף. מיט איר „איינציק אייגנטום, איר איינציקער פאַרמעגן" — ווי עס זאָגט, אין יוגנטלעכן כעס אויף זיין עקסצענטרישער געליבטער, באַרקאַן, דער העלד פון דער גרויסער דערציילונג „אויף אַ טרעפּ". אַזוי איז אויך גלאַזמאַנ׳ס צוגאַנג צו די איבעריקע פאַרפירערישע פרויען־טיפּן זיינע. אַלע זענען זיי גייסטיק פוסט, אָן העכערע שטרעבונגען, ווי בלויזע פיזישע ליבע. קומט שוין ממילא אויס, אַז ער, דער מאַן אַפילו ווען ער לאָזט זיך באַווירקן אַלס געליבטער, בלייבט נאָך אַלץ העכער ווי די פרוי. „איך בין פון נאַטור אויס העכער פון דיר" — זאָגט דער זעלבער באַרקאַן, פאַרמעסטנדיק זיך צו באַקעמפן זיין געליבטערס השפּעה איבער אים. אָן השפּעה, וואָס פאַרשקלאַפט אים, נעמט צו זיין זעלבסטשטענדיקייט.

אין לאַראַן („אויף אַ טרעפּ") ווי אין עלסי („אַ יום־טוב"), ליגט עפּעס אויף דער נשמה, וואָס לאָזט זיי ניט רואיק זיך אָפּגעבן דעם גענוס פון געהיימער ליבע. דאָס גלאַטיקע קליינבירגערלעכע נאַרעריי איז ניט מסוגל צופרידנצושטעלן די גרויסע בענקשאַפט. לאַרא און עלסי זענען ביידע אומרואיקע נשמות, וואָס געפינען ניט די באַפרידיקונג אין דעם דערגרייכטן, כדי עס איינצוהאַלטן אויף תמיד. די באַפרידיקונג ליגט הויפּטזעכלעך אין דער בענקשאַפט, אין דער ניט־דאָאיקייט פון באַגערטן גליק. אָט ווי לאַרא פאַרמולירט עס:

„מיר זענען אַ פּאָרל, וואָס דאַרפן קיינמאָל ניט זיין צוזאַמען. וואָס ווייטער דו ביסט פון מיר, אַלץ גרעסער און העכער וואַקסטו אויס פאַר מיר, ווי עפּעס אַ ווייטע זון, און אַלץ שטאַרקער גייט אויף מיין בענקשאַפט נאָך דיר . . . דו פאַרסט פון מיר ניט אַוועק אויף שטענדיק. איך וועל אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק בענקען נאָך דיר, ביז וואַנען מיין אומגעזעענער און שטאַרקער פאַרלאַנג וועט דיך ווידער

ברוך גלאַזמאַנ׳ס עלטערן, ברידער און שוועסטער. דער ערשטער פון רעכטס — דער יונגער גלאַזמאַן (קיעוו, 1910)

קיין ניו־יאָרק ברענגען . . . און אַז דו וועסט קומען — וועט ווי־דער מיין בענקשאַפט נאָך דיר, אין דיר און דיין פייער אָפּגעלאָשן און קלענער ווערן" . . .

עפּעס ענלעכס זאָגט עלסי צו לעאָנען אויף זיין פאַרוואורף, פאַר־וואָס זי וויל ניט גיין צו אים אויף תמיד:

„מיר וואָלטן זיך דערעסן איינער דעם אַנדערן, נאַרעלע . . . מיר וואָלטן פאַרלוירן דעם אינטערעס איינער צום אַנדערן. אַלץ וואָלט דעמאָלט געוואָרן אויפגעדעקט, קלאָר, איינפאַך, פאַרשטענדלעך און דערעסנדיק . . . נאָר זיך ניט: וואָס וואָלסטו פאַר מיר ד ע ־ מ אָ ל ט געווען און מיט וואָס וואָלסטו מיך ד ע מ אָ ל ט צוגע־האַלטן, נאַרעלע דו . . . אַלעקס (דער מאַן —א.ב.) איז אַ וואוילער יונג, אַ גוטער, אַ נאַכגיביקער מאַן. ער איז מיין טעגלעך ברויט, מיין אינדערוואָכן, אָבער דו — דו ביסט מיין שבת" . . .

די דאָזיקע פרויען, ווי מיר זעען, זענען אפשר קעגן גלאַזמאַנ'ס ווילן, ניט אַזוי גייסטיק פוסט, ווי מען וואָלט געקענט מיינען. זיי זענען ניט בלויז ראַפינירטער, נאָר אויך סובטעלער, ווי זייערע גע־ליבטע. באַשאַפן זיי זיך אַן אייגענע פילאָזאָפיע פון ליבע. א טייל פון אָט דער פילאָזאָפיע קומט צום אויסדרוק דורך איינשטעלן קינסט־לעך אַ געוויסע דיסטאַנץ צום אָביעקט פון זייער ליבע. זיי ווילן ניט די אָפטע נאָענטקייט זאָל וואָכעדיק מאַכן די ליבע . . . ער, דער געליבטער, איז אפשר מער ערלעך און אויפריכטיק, אָבער — נאַאיוו און אומדערפאַרן, באַנעמט ער ניט דעם זין פון די ווייבערישע פאַנ־טאַזיעס, זעט אין דעם בלויזע ווייבערישע כיטרעקייט מיטן ציל צו פייניקן. ממילא איז אָט דאָס קעגנזייטיקע ניט פאַרשטיין זיך, גורם דעם גאַנצן אומזיסטן עקשנותדיקן קאַמף צווישן איינאַנדער.

מיר האָבן דאָ ביי גלאַזמאַנען אַ טיפּ פרויען מיט ראַפינירטע אייגנשאַפטן, וואָס באַנעמען אויב ניט טיפער, איז אַלנפאַלס שענער דאָס ליבע־פּראָבלעם. פאַר זיי איז די ליבע אַ יום־טובדיקע דער־שיינונג, וואָס טאָר ניט צופיל וואולגאַריזירט ווערן. איז ממילא דער נצחון אויף דער פרויס זייט. זי מיט איר „איינציקן פאַרמעגן", דעם גוף, זיגט איבערן נאַאיוון מאַנספאַרשוין, וואָס איז מכלומרשט „פון נאַטור אויס העכער פאַר איר".

„איך קום צו דיר, לאָרא" — זאָגט לסוף דער עלטער און קלי־גער געוואָרענער באַרקאַן, אַ באַזיגטער אין דעם מאַן־און־פרוי־קאַמף...

3

אָבער גלאַזמאַנען גייט עס דווקא צו באַווייזן, אַז די ליבע ברענגט ניט קיין גליק. דורך אַ פּאַראַדאָקס וויל ער באַווייזן, אַז מען הויבט זיך אַזש אָן צו האַסן פון צופיל ליבשאַפט. אים גייט עס צו באַווייזן, אַז אַט־דאָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס וואָרצלט נאָך אין מענש־לעכן אור־אַלטער. זינט יענע צייטן, הייסט עס, פירט זיך דער קאַמף צווישן מענטשן און נאָך מער — צווישן די געשלעכטער. אייביק, איז זיך ניטאָ וואָס צו וואונדערן . . .

אויך אין דער דערציילונג „איך בין גליקלעך" פירט אַ פּאָר־פאָלק דעם דאָזיקן שווייגנדיקן עקשנותדיקן קאַמף, וועמענס איינציקע סיבה איז . . . צופיל ליבע.

„עס איז באמת ניט געווען קיין איינציקע זאַך, קיין איינציקע פּאַסירונג, אויף וועלכער מען האָט געקענט אָנווייזן, ווי אויף דער אמתער סיבה פונעם נאָכאַנאַנדיקן קאַמף פון דאָזיקן פּאָרל. ניט גע־ווען אַפילו יענע קליינקייטן, וואָס רופן עס אַרויס דאָס קעגנזייטיקע ניט־שטימען אין כמעט יעדן פאַרהייראַטן לעבן. זיי האָבן זיך אַפילו גאָר קיינמאָל ניט געקריגט, אַפילו גאָר זעלטן איבערגעווערטלט".

אלא וואָס דען? — דערויף ענטפערט גלאַזמאַן:

„דער וואָרצל פון זייער געראַנגל איז געווען אַלט, אַזוי אַלט" . . .

היינט וויבאַלד „אַזוי אַלט", ווערט שוין פאַרשטענדלעך דער פאַקט, וואָס זייער צו־שטאַרקע ליבע איז זיי געוואָרן איבערדריסיק, וואָס ביידע האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט און אַ ווילן זיך צו באַפרייען . . . אין אַ מאָמענט פון אויפריכטיקייט כאַפּט זיך טאָקע דער מאַן דער ערשטער אַרויס פאַרן ווייב, אַז ער וואָלט זיך וועלן פון איר באַפרייען. ער האָט זי, הייסט עס, מער ניט ליב. די גאַנצע אויפריכטיקייט איז אַ געמאַכטע און פאַקטיש איז ער נאָר אויסן צו ווירקן די פרוי זאָל זיך פילן באַליידיקט און ממילא וועט זי זיין פאַר־לאַנג דערפילן. די ווירקונג איז אָבער אַ פאַרקערטע: די פרוי, וואָס אין תוך גענומען וואָלט זי אפשר אויך גרייט געווען זיך צו שיידן, קען עס אָבער איצט, נאָך דעם מאַנס דערקלערונג, שוין ניט טאָן. זי קאָן אים ניט נאָכגעבן ז י י ן פאַרלאַנג, כאָטש ער איז אין תוך אויך איר פאַרלאַנג . . .

פון דעם מאָמענט גייט דער קאַמף אויף אַ נייעם וועג: כאָטש דער האַס וואַקסט פון ביידע זייטן, נאָר נאָכגעבן וויל די פרוי ניט, כדי

דעם מאַן ניט צו פאַרשאַפן קיין צופרידנקייט . . . אָנשטאָט נאָכצו־
געבן, קומען גאָר איצט כיטרע ווייבערישע שפיצלעך, וואָס צילן
דעם מאַן שקלאפיש וואָס מער צובינדן צו זיך,, כדי אויף אַזאַ אופן
צו נעמען נקמה פאַר זיין פאַרלאַנג . . .

סוף־כל־סוף פאַלט דער מאַן אויף זיין ווייבס כיטרעץ מיין: שיידן
פון אים וועט זי זיך ערשט דעמאָלט, ווען זי וועט גלויבן, אַז ער
איז שוין ווידער גליקלעך מיט איר ליבע... ווייל בלויז דעמאָלט וועט
עס דאָך זיין פאַר אים אַ קלאַפּ!

די טעמע געהער צו די אויסטערלישע ביי גלאַזמאַנען, לויט
דער קאָמבינאַציע פון קאָמפליצירטע מענטשלעכע קאָנפליקטן. ס'איז
אַ פיינער פלאָנטער פון פסיכאָלאָגישע סיטואַציעס. דאָס איז, אין
דעם פאַל, דער עיקר ביי גלאַזמאַנען, ניט די יאָ־רעאַלקייט, אָדער
ניט־רעאַלקייט פון די פרטים, ווייל וואָסער באַדייטונג האָבן דען די
פרטים, די קליינינקע מענטשלעכע האַנדלונגען, לגבי דעם גרויסן
פאַקט פון אייביקן מאַן־און־ווייב־געראַנגל? די פסיכאָלאָגישע קעגנ־
זעצלעכקייט צווישן האַ נ ד ל ו נ ג און געפיל — און דעם
געזאָגטן וואָרט, וואָס איז ס'רוב בלויז אַ מיטל צו פ אַ ר ש ט ע ל ן
דאָס אמת־געמיינטע? . . .

קאַפּיטל אַכט

צווישן פאַטאַליזם און רעאַליזם.

1

דאָס עראָטישע פּראָבלעם ביי גלאַזמאַנען איז ניט תמיד צוגעשפּיצט צום אייביקן קאַמף צווישן ער־און־זי.

הגם שוין אויך אין אָט דעם טייל באַלייכטונג פון פּראָבלעם שפּילט אַ היפּשע ראָלע דער פאַטום, — דאָס וואָס איז א י ב ע ר דעם ווילן פון די מענטשן אין פּרט פון רעגולירן זייערע באַציאונגען — איז אָבער פאַראַן ביי גלאַזמאַנען אַ צווייטע זייט פון עראָטישן פּראָבלעם, וואו דער פאַטום הערשט מיט כמעט אַ מיסטישן כוח. מענטשן צאַפּלען זיך אין אַ נעץ פון באַדינגונגען, פון צוגעשפּיצטע סיטואַציעס, וואָס זיי זענען ניט בכוח צו באַהערשן. דערפון שאַפט זיך אַן אויסטערלישע טראַגיק, וואָס מאַכט מאַנכעמאָל אויפשוידערן.

„דריי מענטשן אין אַ שטאָט" — אַ דערציילונג, וואָס רופט אַרויס שוידער ניט נאָר מיט דער אויסטערלישקייט פונעם סיוזשעט און די פּרטים, נאָר אויך מיט דעם קינסטלערישן כוח פון דער באַאַרבעטונג.

„דריי מענטשן אין אַ שטאָט" — דריי גאַנץ באַזונדערע מענטשן, וועמען דער פאַטום פון לעבן האָט אויף אַ ווײַלע צונויפגעפּלאָנטערט, כדי מיט זייער טראַגישן קאָנפליקט אויפדעקן פאַר אונדז אַ שטיק וואונדיק לייב פון אומנאָרמאַלע מענטשלעכע סיטואַציעס.

אַ פרוי — אַ יידישע, ווייל דאָס מאַכט דאָס פּראָבלעם קאָמפּליצירטער — לעבט אָפּגעזונדערט מיט איר מאַן ערגעץ אין אַ שטאָט, נאָר קיין קינדער זענען ניטאָ. און די פרוי ליידט שרעקלעך דערפון, וואָס איר מאַן קען איר קיין קינד ניט פאַרשאַפן. איר גייט עס אין לעבן אומבאַדינגט צו האָבן אַ קינד. זי ווערט אַזש באַהערשט פון אַ מאַניע זיך אַ קינד צו פאַרשאַפן און טאַקע פון איר אייגן לייב, מעג עס זיין דורכן וועג פון אויסנוצן דעם ערשטן צופעליקן מאַן, וואָס וועט פאַרבלאָנדזשען אין איר שטוב . . . די פרוי איז אָבער אַן ערלעכע יידישע טאָכטער, וועט זי עס נישט טאָן אָן דעם מאַנס וויסן. דער מאַן איז אָבער מסכים . . . אפשר כדי אויסצוקויפן די שולד

זיינע. און אַזוי פֿאַסירט עס, אַז דער ערשטער צופֿעליקער ביכער־אַגענט, וואָס קומט אין שטוב אַריין אָנבאָטן זיין סחורה, ווערט פֿון דער פֿרוי אויסגענוצט צו איר צוועק. אמת, יענער באַגרייפֿט אין קיין פֿאַל ניט די אויסטערלישקייט פֿון דער סיטואַציע. פֿאַר אים איז עס אַ פּשוטער עפּיזאָד, וואָס פֿאַסירט אָפֿט מיט אַזעלכע ווי ער. גרייט ער זיך דעריבער פֿאַרצוזעצן זיין ראָלע אַלס הויז־ליבהאָבער... אָבער די פֿרוי, נאָכן האָבן דערגרייכט איר ציל, קלערט אויף דעם פּרעמדן די גאַנצע טראַגיק פֿון איר טאַט און — דעם ביכער־אַגענטס „גליק"־חלום ווערט צערונען . . .

די דאָזיקע דערציילונג האָט עפּעס אין זיך פֿון די עדגאַר אַלאַן פּאָ'ישע „אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען. די פּרטים ווי אַזוי גלאַזמאַן שילדערט זיי, זענען אָנגעפּילט מיט אַזויפֿיל מענטשלעכן צער און וויי־טיק, מיט אַזויפֿיל נשמה־פּיין, אַז עס ווערט אַזש קאַלט אויף דער נשמה. מען ווערט אַזוי מיטגעריסן מיט די טיף־מענטשלעכע איי־בערלעבונגען, אַז מען פֿאַרגעסט בשעת־מעשה אָן דער צוגעשפּיצט־קייט פֿון סיוזשעט.

אָבער די הויפּט־טראַגיק פֿונעם פּראָבלעם איז דאָ צוגעשפּיצט צו אַ צווייטן פֿאַקטאָר, וואָס איז גורם די טראַגישקייט. די פֿרוי איז אַ יידישע און גלאַזמאַנ'ס באַזונדערס־פּילטאַניק שפּילן אויף דער יידי־שער סטרונע צו יענער צייט פֿון זיין שאַפֿן, האָט געמוזט די זאַך צו־שפּיצן צו אַ מאָראַל־טראַגעדיע. ביי דער יידישער פֿרוי איז דאָס דערגרייכן איר ציל אויף אַ ז אַ אויסטערלישן וועג, אַ טראַגעדיע, ווען ביי פֿרויען פֿון אַנדערע פֿעלקער וואָלט עס אפשר גאָר קיין טראַגעדיע נישט געווען. די „יידישקייט", אַלזאָ, שאַפֿט דאָ אַ מאָראַל־טראַגעדיע, וואָס קייטלט זיך מיט אַ פּסיכאָלאָגישער: די ליידן ביים אויסנוצן אַ פּרעמדן מאַן, פֿאַר ווען מען מוז זיך נאָך דערנידעריקן מיטן מאַנס וויסן און הסכמה . . .

אפשר וואָלט זיך פֿון דאָס ניי געשטעלט די פֿראַגע וועגן דער רעאַלקייט פֿון דער עצם זאַך גופא, וועגן דער לעבנס־מעגלעכקייט פֿון אַזאַ סיוזשעט, נאָר ווידער טרעט אָפּ די פֿראַגע אין הינטערגרונט, זיך אַסימילירנדיק אינעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון פּסיכאָלאָגישע שטריכן אין דער מענטשלעכע נשמה און די דיכטערישע עמאָציעס, וואָס קו־מען דאָ צום אויסדרוק. איז דאָך די דיכטערישע מעגלעכקייט אַרויס־צוברענגען אַ געוויסן ניואַנס אין דער מענטשלעכער נשמה, אַ נייען מענטשלעכן צאַפּל, — וויכטיקער ווי די טרוקענע רעאַליטעט פֿון פֿאַקטן.

„דריי מענטשן אין אַ שטאָט" פאַרמאָגט אפשר מער קונסט ווי לעבנס־רעאַליטעט, אָבער די שטאַרקייט פון גלאַזמאַנ׳ס מיטלען, זיין שטילער טרויער, דער פאַרבאָרגענער ליריזם, וואָס באַשטראַלט זיין שאַפן, איז גורם אַז מיר זאָלן די זאַך אויפנעמען ווי זי איז.

2

אָבער ניט אַלעמאָל באַנוצט זיך גלאַזמאַן מיט אויסטערלישע, בלויז ה אַ ל ב ־ וואַרשיינלעכע מיטלען אין זיינע עראָטישע סיטו־זשעטן, כדי אונדז צו מאַכן פילן דעם גאַנצן שוידער פון לעבנס־ פּאַ־סירונגען. אין אַנדערע דערציילונגען טרעט דער פּאַטאַליזם אָפּ פאַרן פשוטן מענטשלעכן רעאַליזם. און אויך דאָ האָט גלאַזמאַן באַוויזן גרויסע מעגלעכקייטן פון ווירקן. אפשר איז נאָך דאָ, אין דער וועלט פון רעאַליזם, די ווירקונג אַ שטאַרקערע, ווייל זי איז אַן אוממיטל־באַרע. צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט זיך גלאַזמאַנ׳ס קינסטלערישער כוח אַלס רעאַליסט. ער הייבט אָן זען מיט נייע בליקן, ווייניקער אידעאַלע, פאַרנעפּלטע, און מער קאָנצענטרירט אויפן לעבעדיקן לעבן.

„וועלוול אַגרעס" איז איינע פון די בעסטע גלאַזמאַנ׳ס דערציי־לונגען. פאַראַן דאָ אַזויפיל דראַמאַטיזם, אַזויפיל קאָנצענטרירטער טראַגיזם, ווי זעלטן וואו, ניט נאָר ביי גלאַזמאַנען.

אויך דאָ איז די עראָטיק דער טרייב־כוח פון די פּאַסירונגען. אויך דאָ נאַרט די פרוי דעם מאַן, אָבער — ווי אַנדערש איז די דאָזי־קע פרוי לגבי די פריערדיקע פרויען־טיפּן ביי גלאַזמאַנען. אויב יענע פאַרמאָגן געוויסע אייגנשאַפטן פון פערזענלעכקייט, פון כאַראַק־טער, — שוין אָפּגערעדט פון דער ראַפינירטקייט פון די רייד, מיט וואָס זיי הילן אַלץ אַרום, — איז אָבער וועלוול׳ס פרוי פון אַ גאַנץ אַנדער טייג געקנעטן. פון קיין כאַראַקטער און פערזענלעכקייט איז דאָ קיין רייד ניט. דערצו נאַרט זי דעם מאַן אַזוי שטיל און באַ־שיידן, אַז מיר פילן עס מער ווי מיר זעען . . . זי אַליין לייכט זיך בלויז דורך דער אויסשטראַלונג פון פשוטן, מענטשלעכן וו ע ל וו ל , — וועלוול דער שוסטער, דער פאָלקס־מענטש, דער וואָס פילט אין זיך טיף זיין אומגליק, אָבער זיין איינגעבוירענע נשמה־אינטעליגענץ דערלויבט אים ניט הויך און אינטעליגענטיש צו סקאַנ־דאַלעווען . . . וואָס בולטער עס דערשיינט וועלוול׳ס מענטשלעכקייט,

אַלץ שאַרפֿער איז דער קאָנטראַסט פֿון זיין אָפּנאַרעריש ווייב, וואָס שפּעקולירט טאַקע אויף איר מאַנס ערלעכקייט, כדי אים אָפּצונאַרן מיטן מאַנס ברודער הינטערן מאַנס פּלייצע.

וועלוול פּ י ל ט זיין אומגליק מער ווי ער ז ע ט אים. ער באַמיט זיך אָבער צו פֿאַרטרייבן די חשדים, וואָס ווערן יעדן מאָל בולטער. ער שרעקט זיך פּשוט אויפֿצוהויבן דעם פֿאַרהאַנג איבער דער פֿאַסקודנערווירקלעכקייט. ער שאַפֿט זיך זיין אייגענע פֿילאָ־זאָפֿיע איבער דעם ענין:

— מען דאַרף בלויז קוקן אויפֿן לעבן פֿונדערווייטנס . . . ווי אויף אַ ווייטן, ניט־ממשותדיקן פּאַלאַץ, וואָס האָט בלויז דעם ג ל אַ נ ץ פֿון עפּעס ווירקלעכעס . . . ווייל —

„אין איין פּאָר מינוט צייט קען עס (דאָס לעבן — א.ב.) צערי־נען, צערינען צווישן די פֿינגער" . . .

און טאַקע צוליב דער מורא עס זאָל ניט צערינען כאָטש די שיין פֿון דער ווירקלעכקייט, איז וועלוול בעסער שוין גרייט צו בלייבן אין דער אומבאַשטימטקייט פֿון אומוויסן . . . צו־וואָס וויסן? וועט ער דען, לויט זיין כאַראַקטער, ב כ ו ח זיין צו זיין קאָנסעקווענט אין זיין רעאַגירן? און אפֿילו ווען יאָ, וועט ער דען דעמאָלט זיין גליק־לעכער? אַז סיי־ווי־סיי איז דאָס לעבן גאָרנישט ממשותדיק . . . נעמט ער, זיך אַליין אויף צולהכעיס, איינרעדן זיין פֿאַרפֿירערישן ברודער, אַז ער זאָל נ י ט אַוועקפֿאָרן . . .

און פּונקט ווי די פּרוי אין „וועלוול אַגרעס" איז אַנדערש ווי די פֿריערדיקע גלאַזמאַנ'ס פּרויען־טיפּן, אַזוי איז אויך דער מאַן אַנדערש. צום ערשטן מאָל ק ע מ פּ ט ניט דער מאַן מיט זיין ווייב. ביי אים האָט גלאַזמאַן צוגענומען די עלעמענטן פֿון „געראַנגל, וואָס איז אַזוי אַלט" . . . אפֿשר מאַכט וועלוול שלום מיטן גורל דערפֿאַר, ווייל ער פֿילט אַז פֿאַרלוירענע אינערלעך־מענטשלעכע ווערטן, אַזוינע ווי די ליבע איז, קען מען דורך קאַמף ניט צוריקגעווינען? אפֿשר איז עס גאָר דערפֿאַר, ווייל גלאַזמאַן האָט צום ערשטן מאָל אויף זיין וועג באַגעגנט אַ מענטש ניט קיין קרענקלעכן, צעפּרעסענעם פֿון אינטע־ליגענטישע טעאָריעס און פֿאָרמולעס? אַזוי צי אַזוי, איז וועלוול אַגרעס איינער פֿון די מענטשלעכסטע געשטאַלטן אין גלאַזמאַנ'ס שאַפֿן.

אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט גלאַזמאַן אויך געפֿונען די סאַמע קינסטלערישע שלימות פֿאַר זיינע שילדערונג־און דערציילונג־מיטלען. אַמבולטסטן אַנטפּלעקט זיך עס אין דער שטאַרק־דראַמאַ־טישער סצענע, ווען דער אַלטער עובֿר־בטלדיקער אָרע — דער איינ־

ציקער, וואָס ווייסט פּאָזיטיוו דאָס, וואָס וועלוול ו ו י ל ניט וויסן

— שרייט אויס, בעת וועלוול הייסט דעם ברודער בלייבן:

— וועלוול . . . איך זאָג דיר, זאָל ער פאָרן! זאָל ער אַוועק־פאָרן פונדאַנען, דו הערסט, וועלוול?

דער שלום־בית ווערט ביי וועלוולען טאַקע ניט צעשטערט, אָבער ער פילט דאָך, אַז זיין גאַנץ לעבן וועט ער שוין מוזן זיין פּאַרזיכטיק „ווי אין אַ הויז פון גלאָז", ניט עפּעס צו צעברעכן . . . און באמת: צו וואָס פטורן זיין גליק פאַרן פּרייז פון „אַלץ־וויסן", ווען ער קען בעסער אויסקומען מיטן ש י י ן פון גליק פאַרן פּרייז פון נ י ט ־ ו ו י ס ן ? אויב אין ניט־וויסן איז קיין גליק ניטאָ, איז אָבער אין וויסן אַפילו קיין שיין פון גליק אויך ניטאָ . . . רו — אוודאי ניט.

יאָ, דער „אייביקער קאַמף" צווישן ער און זי טראָגט אין זיך ניט קיין גליק, סיי אין דירעקטן אַקט, אין קעגנזייטיקן קאַמף, סיי אַפילו ניט אין שויס פון פּאַסיווער אָפּטרעטנדיקער נאָכגיביקייט . . .

קאַפּיטל נײַן

נעגאַטיוו און פּאָזיטיוו.

„. . . און די, וואָס האָבן געלעבט אין דער פינצטערניש האָבן דערזען אַ גרויס ליכט" . . .

1

אַ היפּשער טייל פון גלאַזמאַנ'ס דערציילונגען טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַן אינערלעכן קאַמף צווישן פּאָזיטיוויזם און נעגאַטיוויזם אין באַצוג צו זיינע פּאַרפּיקסירטע געשטאַלטן.

ניט אייביק האָט דאָך גלאַזמאַן געקענט „נקמה נעמען" אַן זיינע פּרויען־טיפּן דורך אונטערשטרייכן זייערע „שוואַכקייטן", וואָס מאַכן זיי אינפעריאָרער לגבי דעם מאַן . . . אויסלאַזנדיק זיין „נקמה"־געפיל, האָט זיך דאָך גלאַזמאַן שפּעטער באַרואיקט און סוף־כל־סוף אָנגעהויבן זען אויך אַנדערע פּרויען, פּרויען, ביי וועמען ניט דאָס עראָטישע דאָמינירט אין זייער לעבן. נאָר ביז וואָס־ווען, איז זיך דער עראָטיזם פּאַמעלעך אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַנדערע דערשיינונגען און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן ביי זיינע פּאַרשוינען: דערשיינונגען פון אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטייגער.

גלאַזמאַן האָט זיך אָנגעהויבן מער צו פּאַראינטערעסירן מיטן דורכשניטלעכן בירגערלעכן שיכט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, מיטן טיפּ פון אַרויפגעאַרבעטן אַלרייטניק. טעמפּע נפשות, וועמענס חושים זענען אָנגעשטרענגט צו איין ציל: ביזנעס, געלט, רייכקייט. אַ גאַנצע פּאַרבנרייכע גאַלעריע האָט זיי גלאַזמאַן אויפגעזוכט, זיי קינסטלעריש דורכגענומען דורך און דורך, אַריינגעבליקט אין זייערע נשמות און אונדז פּאַרגעשטעלט מיט אַלע זייערע רויע אייגנשאַפטן.

אין דער דאָזיקער פּעריפעריע פילט זיך גלאַזמאַנ'ס מוזע אויסגעצייכנט.

און גוט פילט זיך דאָרט גלאַזמאַן, ניט חלילה דערפאַר, ווייל זי

איז אים באַזונדער ליב, אָט די פאַרביזנעוועטע קליינבירגערלעכע פאַרטעמפּטע אַטמאָספערע, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל זי גיט אים די מעגלעכקייט פאַר רואיקע קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען. כאָטש גלאַזמאַן איז אויך דאָ ניט קיין אָביעקטיווער שילדערער פון זיינע דערמאָנטע טיפּן און פאַרשוינען. זיין קינסטלעריש געוויסן אַרבעט אין פולער האַרמאָניע מיט זיין מענטשלעכן צוגאַנג צו זאַכן און דער־שיינונגען. גלאַזמאַן פאַרמאָגט אַבסאָלוט גאָרנישט פון דעם גע־ווינלעכן סטעראָטיפּישן, שמן־זיתדיקן פּאַטאָס, מיט וועלכן ענלעכע טיפּן ווערן געשילדערט אין דער יידישער ליטעראַטור. אויב גלאַז־מאַן דער מענטש געפינט דעם, אָדער יענעם טיפּ פאַר אַנטיפּאַטיש, וועט אים שוין גלאַזמאַן דער קינסטלער באַשטימט ניט מאַכן קיין פאַלשע קאָמפּלימענטן, נאָר אים ווי געהעריק קלאַסיפיצירן צווישן דער גאַלעריע „נעגאַטיווע" . . .

וויבאַלד דער דאָזיקער גאַנצער שיכט אָלרייטניקעס וועקט ניט ביי גלאַזמאַנען קיין סימפּאַטיע, סיידן אַמאָל — מיטגעפיל, — איז שוין גלאַזמאַן דער קינסטלער פולשטענדיק גאַנץ מיט זיין געוויסן און מיר קענען שוין אויך מיטן זעלבן רואיקן געוויסן זיך באַקענען מיט דער דאָזיקער נייער וועלט אויפן וועג פון גלאַזמאַנ'ס שאַפן.

2

ניי — איז ניט אַלעמאָל אַן אַבסאָלוטער באַגריף. ניי — מוז ניט אַלעמאָל פאַר אַ קינסטלער באַטייטן דאָס אַנטפּלעקן נייע וועלטן און אַפילו ניט קיין נייע טיפּן, וואָס זענען פריער פאַר אים ניט אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקאַנער לעבן.

דער באַגריף „ניי" אין באַצוג צו גלאַזמאַנען מיינט זיין אינער־לעכע וועלט, די אייגענע נשמה־אויסשטראַלונג, דאָס „גרויסע ליכט", דורך וועלכער „די, וואָס האָבן געלעבט אין דער פינצטערניש", האָבן דערזען די וועלט . . .

לעבט זיך אַ יונגערמאַן אין אַמעריקאַנער קעסל־גרוב („פון די אָפּגרונטן"). ער איז היפּש גייסטיק דורכגעפוילט און מאָראַליש פּוסט, דער אויסדריקלעכער טיפּ פון דער מאָדערנער יוגנט אין דער גרויסער ציוויליזאַציע. אים עקלט שוין אַזוי פון זיין אייגן לעבן, אַז אים

ווילט זיך אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין. אנטלויפֿט ער טאַקע קודם־כּל פֿון דער פֿאַרדאַרבנדיקער גרויס־שטאָט, ערגעץ ווייט אין אַ עק. טרעפֿט זיך דאָרט צונויף מיט אַ יידיש מיידל, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט מיט איר פֿרומער מאַמען. ביידע, מוטער און טאָכטער, לעבן מיטן גייסט פֿון דער אַלטער וועלט. דאָס מיידל איז נאָך פּרימיטיוו און ריין, ניט באַרירט פֿון דער פֿאַרדאַרבנדיקער גרויס־שטאָט. זי חלומט אָבער אָן אויפֿהער וועגן דער גרויסער שטאָט, פֿאַנטאַזירט פֿון אַהינקומען פּונקט ווי איר נייער באַקאַנטער, דער גרויסשטאָטישער יונגערמאַן, האָט גאָר געזוכט פֿון דאָרט צו אַנטלויפֿן . . . קאָנטראַסטן באַגעגענען זיך. ניט מער, זי, דאָס נאַאיווע מיידל, פֿילט זיך אַביסל פֿאַרשעמט לגבי איר נייעם גרויס־שטאָטישן באַקאַנטן דערמיט, וואָס זי טוט צו־ליב דער מוטער און לייענט שבת נאָכן עסן דעם טייטש־חומש . . . זי בעט זיך ממש מיט די אויגן, ווען יענער טרעפֿט איר ביים דאָזיקן „חטא”, ער זאָל איר מוחל זיין די זינד . . .

און ער, דער פֿון זינד איבערגעזעטיקטער גרויסשטאָטישער יונגערמאַן?

אויף אים ווירקט געוואַלדיק ניי און אָפּפֿרישנדיק אָט די אַנט־פּלעקונג פֿון אַן אַנדער, גייסטיק־ריינערער וועלט . . . אמת, אַביסל צופֿיל אַ פּרימיטיווע אויפֿן פֿאַן פֿון זיין אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. ס׳איז אָבער אַ שטיק אויפֿגעלעבטע וויזיע פֿון זיין קינדהייט, וואָס גייט אויפֿסניי אויף ווי אין חלום.

אַפֿילו ווען די דאָזיקע דערציילונג געהער נאָך אין אַ געוויסער מאָס אידעאָלאָגיש צו גלאַזמאַנ׳ס יידישקייט־מאָטיוון, בלייבט פֿונ־דעסטוועגן דאָ ניט דער טייטש־חומש־מאָראַל דער עיקר. גיכער איז עס נאָר אַ סימבאָל ביים קעגנשטעלן די מאָראַלישע געזונטקייט פֿון דעם טייטש־חומש־מיידל לגבי דעם וועלטלעכן יונגערמאַן, וועמענס מאָראַל־וועלט איז שוין היפּש אַטראָפֿירט.

אין דער דאָזיקער דערציילונג איז גלאַזמאַנ׳ס אייגענער צו־גאַנג צו זיינע טיפּן — צווישן נעגאַטיוו און פּאָזיטיוו — נאָך ניט אַזוי בולט. די טיפּן גופֿא זענען נאָך אַלץ מער אַבסטראַקציע, ווי רעאַליטעט. זיי זענען געשאַפֿן געוואָרן מער צוליבן „פּראָבלעם” ווי צוליבן לעבן גופֿא. ערשט ווען גלאַזמאַן רירט זיך צו צו זיינע אַל־רייטניקעס און פֿאַרביזנעוועטע פֿאַרשוינען, פֿאַר וועמען מאָראַל־פּראָב־לעמען עקזיסטירן איבערהויפּט ניט, נעמען זיינע פֿאַרשוינען אָן אַ קאָנקרעטע געשטאַלט. זיי באַקומען לעבן און — ווי צו לעבעדיקע

מענטשן מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, נעמט גלאַזמאַן אַ דע־
פיניטיווע שטעלונג.

3

קיין צופיל פרימיטיווע מיידלעך באַגעגנט ניט גלאַזמאַן אויף די וועגן פון זיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען איבער די ברייטן פון אַמעריקע. אין דער גרויסער שטאָט וועט ער זיי דאָך ניט פּרואוון אַפילו זוכן. אָבער אזא איינע וועט דערגרייכן איר ציל און קומען אין דער גרויסער שטאָט חתונה האָבן און נעמען פירן אַ באַלעבאַטיש לעבן מיט עפּעס אַ רייכן אַרויפגעאַרבעטן ביזנעסמאַן, ווי־זשע וועט עס אויסזען אָט דאָס דאָזיקע קליינבירגערלעכע פאַרהאַוועטע פאַמי־ליען־לעבן אין גרויסן שמעלץ־טאָפּ?

קוקט זיך צו צום לעבן פון „מיסטער בי" מיט זיין ווייב לייקע, און איר האָט פאַר זיך אַ טיף סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש בילד פון אַ פאַר־פאַלק אַמעריקאַניזירטע אַלרייטניקעס. זייער ריין־מענטשלעכער צו־זאַמענלעבן ווערט בטול אינעם גייעג נאָך ביזנעס, נאָך געלט — אָן אַ זינען, אָן אַ ציל. אין דאָזיקן זינלאָזן גייעג גייען אַוועק די בעסטע יאָרן, ביז מען הויבט סוף־כל־סוף אָן דערפילן די לעבנס־מיד־קייט און דאָס פּוסטקייט פון ניט־אויסגענוצטן לעבן.

דערפילן די דאָזיקע אומזיניקייט דערפילט פריער דער מאַן, מיסטער „בי", אפשר אַ דאַנק דעם, וואָס ער אַליין פירט ניט דאָס רעדל פון די ביזנעס. להיפּוך פון אַלע ביז־איצטיקע ווייבער־טיפּן ביי גלאַזמאַנען, וואָס טוען גאָרנישט אין לעבן אַ חוץ פאַראַטן זייערע מענער, איז שוין מיסטער בי'ס ווייב לייקע אַליין די אשת־חיל ביי די ביזנעס. זי האָט אַפילו ניט קיין צייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן מאַן, צו באַמערקן זיין אָפּגעשטאַנענקייט אין דאָזיקן ביזנעס־גייעג.

אויפן פאַן פון מיסטער בי'ס פאַרטראַכטן זיך, וויקלט גלאַזמאַן פאַר אונדז פונאַנדער אַ טיף־פּסיכאָלאָגיש בילד פון אַן אין תוך גייס־טיק־פּוסטן מענטשן. דער דאָזיקער מידער מענטש וואָלט איצט גריי־לעך וועלן דעריאָגן דאָס פאַרלוירענע. פּשוט: זיך אָפּזאָגן פון די ווייטערדיקע ביזנעס, האָבנדיק שוין אָנגעקליבן גענוג מאַטעריעלע מיטלען אויף צו קענען זיך דערלויבן אָנצוהויבן לעבן דורכן געניסן... פאַרטראַכט זיך טאַקע מיסטער „בי" וועגן זיין פרוי, וועגן איר טרוקנ־

קייט, וועגן איר עראָטישער טויטקייט, וויבאַלד איר גאַנצער לעבן ליגט אין די ביזנעס. און ער, דער מאַן, דערפילט מיטאַמאָל, אַז אייגנטלעך בינדט אים גאָרנישט צו זיין ווייב און אַז ער וואָלט נויטיק געדאַפּרט פון איר זיך באַפרייען. אָט, אַ שטייגער, ווען איצט, אין דער צייט וואָס ער וואַרט שוין אַזוי לאַנג אויף איר אַהיימקומען, זאָל עפּעס מיט איר האָבן פּאַסירט . . . עפּעס אַזוינס, דורך וועלכן ער זאָל פון איר אויף אייביק באַפרייט ווערן — ווי גוט וואָלט עס געווען!

די אינערלעכע ליידיקייט פון פאַמיליען־לעבן אויפן פּאָן פון דער פאַרביזנעוועטער געזעלשאַפט קומט דאָ אַמבולטסטן צום אויסדרוק. דאָ געפינט מען קלאָר די ערשטע גלאַזמאַנ׳ס דעפיניציע צווישן נעגאַטיוו און פּאָזיטיוו אין יידישן לעבן.

אויך אין דער דערציילונג „קאָנסערוון" האָבן מיר אַ פּלאַסטיש, קינסלטעריש בילד פון אַזאַ פּאָר־פּאָלק, וועמענס לעבן איז אויסגעפּולט מיטן געיעג נאָך ביזנעס. מיר האָבן פאַר זיך אַ פּראָטאָטיפּ פון בהמהש־זאַטע און גייסטיק־פּוסטע מאַן־און־ווייב, וועמען דער געיעג נאָך געלט איז שוין אַפילו אויך שוואַך צוזאַמענצוהאַלטן. מען לעבט מעכאַניש, ווי אויטאָמאַטן, אָן ניצוץ פון געדאַנקלעכן אינטערעס צו איינאַנדער און אַפילו ניט צו די אייגענע קינדער. דער מאַן איז פאַרנומען אייביק אין די ביזנעס. דאָס ווייב איז טאַקע די שטוב־באַלעבאָסטע, אָבער מער ווי צו פּאַשען איר אייגענעם חומר האָט זי ניט אין זינען. יאָ, קינדער . . . דער טאַטע ווייסט, אַז די קינדער דאַרף מען פון צייט צו צייט אָפּשמייסן, ניט חלילה פון בייזקייט, נאָר פּשוט: מען דאַרף אַמאָל אויספּילן די פליכטן פון אַ טאַטע . . .

אין אָט דער היימישער איינטאָניקייט גייט פאַרביי דאָס גאַנצע מאַן־און־ווייב לעבן. פון קיין שום קאָנפליקטן ווייסט מען דאָ ניט,
— ניט קיין פּאַרראַט, ניט קיין קאַמף, ניט קיין אַנדערע פּראָבלעמען
— עכטע בהמהשע אידיליע!

האָבן מיר דאָ די צווייטע זייט פון דער מטבע. דער קאָנטראַסט צו גלאַזמאַנ׳ס מאַן און ווייב־פּראָבלעם פון ערשטן פּעריאָד, וואו דער אייביקער ער־און־זי־קאַמף דאָמינירט.

— וועלכע זייט איז אַ שענערע?

ריין מענטשלעך גענומען זענען מיר געוויס געשטימט סימפּאַטישער צו יענעם צד, וואָס קעמפט, וואָס שטרעבט כאָטש צו עפּעס וואָס יאָגט זיך, מעג זיין אפילו נאָך אַן אילוזיע, אַבי ניט צו בהמישער פאַרגליווערטקייט, צו קאָנסערווירטער זאַטקייט . . . דאָס פּראָבלעם

פון גליק בכלל גייען מיר דאָ ניט פאַרענטפערן: ס'איז אַזוי אילוזאָ־ריש און רעלאַטיוו, ווי יעדע זאַך אין לעבן. ניט מער, ס'איז פאַר אונדז כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי גלאַזמאַן נעמט אויף די געשטאַלטן, וואָס ער באַגעגנט, זיך דערנענטערנדיק צו דער ר ע אַ ל י ט ע ט פון יידישן לעבן. ווי אַנדערש, ווי אַנטיפּאַטישער דערשיינען זיי פאַר אונדז לגבי יענע פאַרשווינען זיינע, איבער וועלכע עס שוועבט דער גייסט פון גלאַזמאַנ'ס ראָמאַנטיזם . . .

4

זיי זענען צאָלרייך, דידאַזיקע נעגאַטיווע טיפּן אין גלאַזמאַנ'ס שאַפן. ער פאַרפאָלגט זיי אויך אין לעצטן פעריאָד פון זיין שאַפן, ווען ער האָט שוין געשאַפן גרויסע ווערק מיט אַ ברייטן פאַרנעם אויף אַ ריזיקן סאָציאַלן לייוונט.

אַפנים, ער וועט זיי שוין פון זיך קיינמאָל ניט אָפּטרייבן, ברוך גלאַזמאַן, זיי זענען צופיל פאַרוואָרצלט אין דער אַמעריקאַנער יידישערווירקלעכקייט, אַז אַ קינסטלער פון גלאַזמאַנ'ס שניט זאָל זיי אויפ־הערן באַמערקן, ניט אָפּשטעלן זיך יעדעס מאָל פון דאָס ניי זיי באַ־טראַכטן, אויסגעפינען עפּעס אַ נייעם שטריך, וואָס לוינט זיך צו פאַרפיקסירן אין דער ליטעראַטור.

אין זיין בוך „אַנטרונענע" באַגעגענען מיר ווידער יונה קודלע („קנאָבל־וואורשט"), וועלכער איז ענלעך צו מיסטער „בי" און אַנדע־רע קאָנסערוון־טיפּן. אויך אונדזער נייער פאַרשוין וועגעטירט דורך דעם מאַשינאַוון ביזנעס־לעבן. ער לעבט בלויז אויף צופעליק און אויף אַ ווילע, ווען ער פאַרבלאָנדזשעט אין דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, צווישן היימישע מענטשן, וואָס דערמאָנען אים אין זיין פרגאַנגענ־הייט, ווען ער איז נאָך אליין געווען „אַ מענטש",— פ אַ ר זיין אַרויפּ־אַרבעטן זיך.

און וואָס איז דען „מיסטער נעסאָו", אויב נישט אויך אַזאַ פאַר־ביזנעסטער פאַרשוין, וועלכער רייסט זיך אייגמאָל אַרויס פון זיין פאַרגליווערטקייט, פאָרנדיק אין זיין געבורט־שטעטל אויף קבר־אָבות? אויך אין אים טויכט אויף אַ שאָטן פון בענקשאַפט נאָך זיינע קינדער־יאָרן ערגעץ אין אַן אָרעמען פוילישן שטעטל. ניט מער . . . אין זיין גרויס צעטראָגנקייט פאַרגעסט ער צום סוף, שוין זייענדיק אין שטעטל גופא, דעם ציל פון זיין רייזע.

מיט די „אַנטרונענע״ איז גלאַזמאַנ׳ס גאַלעריע פון נעגאַטיווע טיפן פיל באַרייכערט געוואָרן.

דורך דער פּריזמע פון זיין נייער טיפן־גאַלעריע אַנטפּלעקט פאַר אונדז גלאַזמאַן אַ ריי שטייגער־בילדער, וואָס וואָרצלען טיף אין אונדזער צייט. בילדער, געמישט פון טראַגיזם מיט קאָמיזם, וועלכע גלאַזמאַן קאָן אַזוי פאַרטיפן. זיי אַנטבלויזן אַן עפּאָכע, וואו דער געלט־זאַק איז נאָך אַלץ דער אָפּגאָט צו וועמען עס בוקן זיך און זע־נען גרייט צו דינען, אויב ניט זיך מקריב זיין, די אָרעמע און דער־דריקטע פון לעבן.

אין „אַ שפּאַס״ זענען אַלע שטעטלדיקע מיידלעך אין דער אַל־טער היים, אַפילו די סאַמע יינגסטע, גרייט חתונה צו האָבן מיטן על־טערן, אָפּגעלעבטן אַמעריקאַנער, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אין שטעטל אַריין. אַלע יאָגן זיי זיך נאָכן כּישופדיקן דאָלער.

אַזוי זענען אַלע איבעריקע טיפן אין דאָזיקן נייעם בוך: אַרויפ־געאַרבעטע אַלרייטניקעס, פאַרגרעבטע און טעמפּע. טויכט ביי זיי אַמאָל אויף אַ פּיצל דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון זייער פּוסטן לעבן, שלאָפט ער גיך צוריק איין אין דער שמאַלציק־זאַטער פאַרגליווערט־קייט . . .

קלאָר: גלאַזמאַן פאַרמאָגט ניט קיין סימפּאַטיע פאַר זיינע נעגאַ־טיווע פאַרשוינען. קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט? המ . . . מיר זענען ניט קיין גרויסע אַנהענגער פון קינסטלערישן אָלימפּיזם. מיר האַלטן ניט, אַז אַ קינסטלער איז פאַרבאָטן צו ברענגען צום אויס־דרוק זיינע מענטשלעכע סימפּאַטיעס, אָדער אַנטיפּאַטיעס. דער איינ־ציקער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו״ באַדאַרף זיין: מענטשלעכער און קינסטלערישער אמת. פון דעם קוק־ווינקל האָט גלאַזמאַן ניט געזינדיקט.

יונה קודלע פון „קנאָבל־וואורשט״ פאַרמאָגט אַ פאַר הענט, זענען זיי „הונגעריקע, אַנגרייפנדיקע, אַריינכאַפּנדיקע און פעסט־צוהאַלטנדיקע אָרעמס און הענט״. ווער־זשע איז אין דעם שולדיק, אַז מיר באַקומען ניט קיין סימפּאַטיע פאַר אַזעלכע פאַרשוינען?

דער דאָזיקער קינסטלערישער צוגאַנג פון גלאַזמאַנען צו זיינע פאַרשוינען שטערט אים אָבער ניט צו צו באַנעמען אויף אַ הומאַ־ניטאַרן אופן פאַרשיידענע טראַגישע ניואַנסן אין דער מענטשלעכער נשמה. אין דער דערציילונג „חשבונות״ טרעפט זיך צונויף אַ רו־סישער באַראָן, איצט אַ האָטעל־דינער, מיט אַ יידישן קריפּל, אַ הוי־

קער, אַ קרבן פון די אַמאָליקע צאַרישע פּאָגראָמען. דעם יידנ'ס האַס צום באַראָן צערינט אין אָנבליק פון יענעמס איצטיקער געפאַלנקייט... און גלאַזמאַנ'ס סובטעלקייט און קינסטלערישע פּרעציזקייט האָט דאָ אויסגעמיטן די שאַבלאָנע באַנאַליטעט פון ענלעכע סיטואַציעס.

קאַפּיטל צען

„מיט וואָס האָבן זיי דאָס פאַרדינט?“ . .

1

דער טראַפּ ווערט דאָ צום ערשטן מאָל אין גלאַזמאַנ׳ס שאַפונגען געשטעלט אויף ז י י.

זיי — דאָס מיינט מען די בייע פאַרשוינען, מיט וועלכע גלאַזמאַן האָט זיך באַגעגנט אויף זיינע קינסטלערישע וואַנדערונגען. זיי — די רייכע, איבערגעזעטיקטע פאַרשוינען, ניט בלויז פון דעם מיטל־שטאַנד, פון קליינעם, אַרויפגעאַרבעטן אָלרייטניק, וואָס האָט שוין באַוויזן פאַרטעמפּט צו ווערן, נאָר אויך דער „העכערער“ שיכט, די גרויס־בורזשואַזיע און פּלוטאָקראַטיע, מיט וועמען גלאַזמאַן האָט זיך באַגעגנט.

אַמבאַקוועמסטן פאַר גלאַזמאַנען זיך צו באַגעגענען מיט „זיי“ איז ניט אַזוי אין די ענגע דלד אֻמות פון זייערע היימען, נאָר אין גע־זעלשאַפטלעכע ערטער, ווי למשל אויף בעלער צוליב „וואוילטעטיקע צוועקן“, אָדער — אויף לוסט־רייזעס, אויף שיפן איבער אָקעאַנען. דאָ האָט דער קינסטלער די מעגלעכקייט אונדז פאַרצושטעלן זיינע פאַרשוינען ניט נאָר דורך אינדיווידועלע כאַראַקטערן, האַנדלונגען און געשעענישן, נאָר אין זייער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער סכע־מע, אין זייער קלאַסן־פּערזאָניפיצירונג.

שוין לאַנג, אַז גלאַזמאַן האָט אָנגעהויבן פאַרפיקסירן אין זיין שאַפן אַנטיפּאַטישע טיפּן און שטייגער־בילדער פון אָט דער צעפּויל־טער מיליע. נאָך אין דער דערציילונג „פאַר אונדזערע אָרעמע ברי־דער“, געשריבן אין 1920, רעכנט זיך שוין גלאַזמאַן אָפּ מיט די אַסי־מילירטע „יאַהודים“ אין אַמעריקע פאַר דער אינערלעכער גלייכגיל־טיקייט אונטער דער אויסערלעכער פילאַנטראָפּישער מאַסקע, מיט וועלכער זיי פירן אָן זייער הילפס־טעטיקייט לטובת די „אָרעמע ברי־דער“ נעבעך אין דער פאַגראָמירטער אייראָפּע.

יידישע שטעטלעך זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אַנדערע זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, איבער דער נאָך־מלחמהדיקער

וועלט איז אויפגעגאַנגען דאָס גרויסע געשריי נאָך הילף פאַר די לעבן־געבליבענע. דער וויי־געשריי איז געווים דערגאַנגען צו די אַמעריקאַנער יידן. די ברייטע מאַסן האָבן זייער הילף געטראָגן פשוט און מענטשלעך, נאָר די קאָמיטעטן האָבן געשאַפן „זיי", די רייכע, די „רעפאָרמירטע" כלל־טוער. זיי האָבן עס איינגעאָרדנט די טאַנץ־בעלער לטובת די אומגליקלעכע, „זיי" האָבן עס פאַרגעשטעלט יענעם העסלעכן ספּעקטאַקל, וואָס גלאַזמאַן באַשרייבט אונדז.

גלאַזמאַן קאַרגט ניט קיין שאַרפע פאַרבן פאַר זיין בילד פון דעם מאָראַלישן פּרצוף פון זיינע פאַרשוינען. ער שאַרזשירט אפשר מיט זיין שאַרפן סאַרקאַזם און חוזק, אָבער ער ברענגט גוט אַרויס די מאָראַלישע געפאַלנקייט פון אונדזערע כלל־טוער מיט זייערע ווילדע אָרגיעס טאַקע אין די ווענט פונעם הייליקן טעמפּל, אויף דער קאָנטע פון הילף „פאַר די אָרעמע ברידער" . . .

אין דער דאָזיקער דערציילונג דערשיינט פאַר אונדז גלאַזמאַן צום ערשטן מאָל אַ דעצידירטער אין פּרט פון אַנטקעגנשטעלן ז י י־נ ע מענטשלעכע סימפּאַטיעס. ווי אַן עכטער ריאַליסט, שוין אינגאַנצן אַ באַפרייטער פון שמן־זיתדיקן ראָמאַנטיזם, שטייט דאָ גלאַזמאַן אַפילו ביים ראַנד פון דערגיין ביז צו דעם, אַז דאָס געפיל פון „נקמה", וואָס איז פריער אויסגעגאָסן געוואָרן אויף זיינע פּרויעקטיפן, זאָל זיך איצט — און נאָך אין אַ שאַרפערער פאָרם — איבערטראָגן אויף די דערמאָנטע טיפּן. נאָר ווייל דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ קלאַס אַ גאַנצן, וואָס איז געזעלשאַפטלעך אַנטיפּאַטיש און שעדלעך, — איז שוין גלאַזמאַנ'ס „נקמה"־געפיל פאַרגעבלעכער און דערקלערלעכער.

2

נאָך אַמשטאַרקסטן זענען די דערציילונגען, וואו גלאַזמאַן טרעפט זיינע פאַרשוינען אויף די רייזעס איבערן אָקעאַן.

צום ים האָט גלאַזמאַן אַ גרויסע שוואַכקייט. אים האָט ער באַזונדער ליב, קאַרגט ניט קיין פאַרבן און שענקט אים אַ סך פּרעכטיקע בלעטלעך אין אַ גאַנצע ריי פון זיינע ווערק.

ער האָט ליב, גלאַזמאַן, דעם ים, מיט זיינע קאַפּריזן, מיט זיין אומגעהויערער, מיט זיין אומענדלעכער סטיכיע, אויף וועלכן עס

שפּילט זיך אָפּטמאָל אָפּ דער מענטשלעכער גורל. (זע זיין יוגנט־ראָמאַן „אויף אַן אינזל"). גלאַזמאַן האָט אויך ליב די מענטשלעכע קאָנפליקטן, סתירות און סאָציאַלע דיפערענציאַציע, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ שווימענדיקע מאַסע איבער ברייטע וואַסערן. ער האָט ליב אַריינצוקוקן אין פּרצוף אַריין אַלע סאָרטן פאַרשוינען, וואָס פאָרן אויף אַזעלכע שיפן, זיי פאַר אונדז פאָרצושטעלן, כדי מיר זאָלן פאַר זיך האָבן אַ פאַרביק בילד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דאָס זענען גלאַזמאַנ׳ס גרויסע סאָציאַלע דערציילונגען, וואָס קענען דרייסט באַצייכנט ווערן אַלס מוסטערן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, אין ברייטן זין פונעם וואָרט.

ווייל וואָס איז דען סאָציאַליסטישער רעאַליזם, אויב ניט די קינסטלערישע אָנשטרענגונג אַרויסצובאַקומען דעם תמצית פון געשעענישן, זאַכן און דערשיינונגען, אין אַ ליכט פון מענטשלעכן אמת, אָן פאַלשע פליטערלעך פון אויפגעבלאָזענעם פאַטאָס און צוגעטראַכטן ראָמאַנטיזם? וויפל איז דען געווען דער שיעור צו ציען דאָס היטל און חנפענען אין אונדזער ליטעראַטור דעם נגיד און געלט־זאַק?

— מיט וואָס האָבן ז י י דאָס פאַרדינט?

אַזוי שטעלט גלאַזמאַן צום ערשטן מאָל אין זיין שאַפן אָפן און קלאָר אַוועק די פראַגע אין זיין גרויסער מייסטערהאַסטער דערציילונג „אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן" אין דעם באַנד „אַנטרונענע". די פראַגע ווערט דאָ, נאַטירלעך, ניט געשטעלט דורך רעזאָנירנדיקע ווערטער, נאָר דורך נאַראַטיווע בילדער.

פאַר גלאַזמאַנען, דעם אומפּאַרטייאישן שרייבער, האָט אַזאַ פראַגע געמוזט זיין באַזונדער שווער, ווייל זי איז דאָך שוין פאַרבונדן מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס פון טיפן באַטראַכטן און באַנעמען געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. אפשר פאָדערט זי שוין אויך אַ קלאָרן ענטפער, וועלכן נאָר דאָס לעבן איז בכוח און באַרופן צו געבן. אפשר מוז דער ענטפער שוין זיין אין מאָמענט פון פרעגן גופא . . . אָבער וויכטיקער איז אין קינסטלערישן שאַפן דאָס קלאָרע זען פון זאַכן, דער ריכטיקער דיאַגנאָז פון דער קראַנקהייט . . . און גלאַזמאַן גייט אַלץ מער אויפן וועג פון שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז.

3

„אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן" איז אַ קאַליידיסקאָפּ פון טיפן און פאַרשוינען. שאַרף געצייכנטע פיגורן פון אַ פּלוטאָקראַטישער גע־

ברוך גלאַזמאַן ווי אַ קאַדעט פונעם מיליטערישן קאָרפּוס פון
אָהייאָ סטעיט (קאָלומבוס, 1915)

זעלשאַפט, וואָס פאַרט איינגעשלאָסן אויפן באַגרענעצטן שטח פון אַ שווימענדיקן האָטעל, אויף די וואַסער־מדבריות פון אָקעאַן. אויפן פאַן פון דער קלאַסן־צעטיילונג אויף דער שיף, צווישן לוקסוס־קאַבינעס און טוריסטן־קאַיוטעס, צווישן וועלכע די מחיצה איז ניט צום איבערטרעטן, צייכנט גלאַזמאַן בולט די פיגורן פון דער איבערגעזעטיקטער רייכקייט, וואָס לאָזט זיך איבער דער וועלט איינעמען אַלע מעגלעכע פאַרגעניגנס, וועלכע זענען פאַר אַנדערע ניט צוטריטלעך.

גלאַזמאַן פאַרגינט זיי פשוט ניט אָט־די לייכטקייט צו לעבן און געניסן. ער ווייסט טאַקע ניט „מיט וואָס האָבן זיי עס פאַרדינט", ווי־באַלד אַלס מענטשן זענען זיי אַזוי אומסימפּאַטיש; וויבאַלד זיי טראָגן אויף זיך בלויז אַ מאַסקע פון צירלעכע מאַניערן, וואָס דאַרפן בלויז פאַרדעקן זייערע אינערלעכע צעפּוילטקייט און פוסטקייט.

דידאָזיקע רייכע אַמעריקאַנער — אַ געמיש פון ראַסן און אָפּשטאַמונגען — פּערזאָניפיצירן דעם האָמאָגענישן קלאַס פון געלט־זעק. די דאָזיקע מענטשן זענען טעמפּ צו אַלע אַנדערע געפילן און איינדרוקן, אַ חוץ צו געלט און צו הנאה. זיי זענען אַפילו גלייכגילטיק צום פאַרשיידנפאַרביקן ספּעקטאַקל, וואָס דער ים און די אומענדלעכע האָריזאָנטן טראָגן אונטער פאַרן רייזנדיקן. די פּאַסאַזשירן פון די לוקסוס־קאַבינעס באַמערקן גאָרנישט אָט־די גאַנצע שיינקייט.

„. . . ס'איז איצט אויף דער שיף דאָ בלויז איין רויט, אָפּגעפּרעסענע באַשעפעניש מיט איין זיך־לאַנגווײַלנדיקן פּנים. עס איז, דוכט זיך, קאַלט און גלייכגילטיק, דאָס דאָזיקע באַשעפעניש, ביסט נאָר צו מענטשלעכעליידן, נאָר אויך צו געוויינלעכע מענטשלעכע פריידן. עס איז אים מוראדיק לאַנגווײַליק און עס ווייסט נעבעך ניט ווי ארויסצוראַטעווען זיך פון אָט־דער לאַנגווײַליקייט . . ."

איין זאַך אָבער ראַטעוועט זיי יאָ פון זייער לאַנגווײַליקייט. דאָס זיינען —

„אָפּגעדרוקטע ראַדיאָ־באַריכטן פון די נעכטיקע שלוס־פּרייזן אויף דער בערזע פון דער וועלט".

און די ווייבער?

ווי ווירדיקע פאַרשטייער פון זייער קלאַס, פאַרשעמען זיי ניט זייערע מענערשע געזעלשאַפט. מען הילט זיך אין מאַנטל פון וואַזשנעקייט, בשעת שטילערהייט נאָך האַלבער נאַכט, פּראַוועט מען אָרגיעס פון ראַפינירטער פּערווערזער אויסגעלאַסנקייט מיט מאַנסבילן פון די „נידעריקע"קלאַסן. מיט דיזעלבע, וועמען מען מיידט אויס אין אָפּע־

נעם טאָג, פון וועמען מען גרענעצט זיך אַזוי היפּאָקריטיש אָפּ. און צו זיי איז גלאַזמאַן שאַרף, שניידנדיק און — דעצידירט.

4

און נאָכאַמאָל באַגעגענען מיר זיך מיט גלאַזמאַנען אין מיטן ים אויף אַ שיף, אינעם „טאַנץ פון די נעגערס". און ווידער טרעפן מיר זיך מיט די פאַרשווינען פון דער איבערגעזעטיקטער וועלט, אַט יענע, וואָס קענען זיך אין לעבן אַלץ דערלויבן. נאָר די קאָנצעפּציע איז דאָ אַ טיפערע, און דער רעזאָנאַנס — אַ ברייטערער.

אַחוץ גלאַזמאַנ'ס געוויינלעכע ים־און שיף־שילדערונגען מיט זייער אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און מייסטערהאַפטער פּלאַסטישקייט, האָבן מיר דאָ, ראשית, אַ טיף־פּסיכאָלאָגישע דערציילונג מיט אינדיווידועלע שטימונגען, מיט אַן אינערלעכן חשבון־הנפש פון דעם מיסטער קאָהען, וואָס האָט לאַנג־לאַנג געגלויבט, אַז אַלץ, אַלץ איז אים דערלויבט. והשנית — האָבן מיר דאָ אַ סאָציאַל קולטור־בילד פון נעגער־לעבן, אויפן פּאָן פון די ראַסיסטישע באַציאונגען צווישן די ווייסע און די נעגער.

געוויסע מאָמענטן אין דער דערציילונג, ווי למשל, די נאַכט־הוליאַנקעס פון די נעגער, נאָכדעם ווי די ווייסע פּאַסאַזשירן גייען שלאָפן — זענען אמתע וויזיאָנערישע בילדער פון נעגערשער שפלדיקייט לגבי די ווייסע. עס דערשיינט די דורות־לאַנגע פּ ס י כ י ש ע פאַרשקלאַפונג פון דער נעגער־ראַסע. עס וואַקסט אויס אין דער פולער שאַרפקייט דאָס ראַסן־פּראָבלעם גופא אין דעמאָקראַטישן אַמעריקע. גלאַזמאַנ'ס „טאַנץ פון די נעגער" איז אַ גרויסער פּראָטעסט און אָנקלאָג מצד דער נעגער־ראַסע לגבי די ווייסע.

אָבער גלאַזמאַן שילדערט עס ניט אין קיין אַבסטראַקטער פאָרם. זיין דערציילונג איז אָנגעקליידט אין פלייש און בלוט פון דער יונגער מולאַטקע, וואָס ווערט פאַרפירט פונעם איבערגעזעטיקטן פיליסטער בערנאַרד קאָהען, וועלכער דערפירט זיין קרבן צום טויט. ווייל לויט די געזעצן פון די „ווייסע" קען זי, אַ קינד פון דער שוואַרצער ראַסע, גאָרניט פועלן אויפן יורידישן וועג לגבי דעם רייכן „ווייסן" פאַרפירער און פאַרגוואַלדיקער. ניט בעסער האַנדלט דער פאַרפירער לגבי

דעם זון פון דער פּאַרפּירטער מולאַטקע, ווען יענער קומט שפּעטער מאָנען זיין זונישע און מענטשלעכע רעכט.

פונדעסטוועגן . . . גלאַזמאַן לאָזט זיין פאַרשווין אויסקויפן זיינע זינד דורך אַריינוואַרפן זיך אין ים אַריין, נאָכדעם ווי יענער האָט געמאַכט דעם חשבון־הנפש פון זיין אומגערעכט לעבן.

קאַפּיטל עלף

צווישן אַלט און ניי

1

דער פּראָצעס פון גלאַזמאַנ'ס בלאָנדזשען אויף די וועגן און אומוועגן צווישן אַלט־און ניי־יידיש לעבן אין אַמעריקע, איז שוין אַן אַלטער. ער איז שוין געקומען צום אויסדרוק אין זיינס אַ ווערק פון ערשטן פּעריאָד, וואָס טראָגט אויף זיך די דאַטע פון 1915־1919.

„אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג" איז אַ ניט־פאַרענדיקער ראָמאַן, אין וועלכן גלאַזמאַן האָט זיך לכתחילה פאַרמאָסטן צו געבן אַ קווער־שניט פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואו עס זאָל ברייט קומען צום אויסדרוק זיינע יענער־צייטיקע אונטערגאַנג־שטימונגען און מאָטיוון. אויב דער ראָמאַן איז נאָר טיילווייז רעאַליזירט געוואָרן, איז עס מסתמא דערפאַר, וואָס גלאַזמאַן האָט אָנגעטראָפן אויף זיין וועג שטרויכלונגען פון דעם מין, ווען אַ קינסטלער באַגעגנט אָפּטמאָל פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס ער האָט געזוכט.

אין דאָזיקן אָנהויב־ראָמאַן פּרוּווט גלאַזמאַן אָפּשפּיגלען אַ ברייטערן קרייז פון דער יידישער אַמעריקאַניזירטער געזעלשאַפט, אויפן שוועל פון אונטערגאַנג, פון פונאַנדערפאַל אינעם זיז פון „יידיש לעבן". מיט זיין געוויינלעכער נישט־גלייכגילטיקייט צו זיינע פּאַרשוינען, אַנטפּלעקט פאַר אונדז גלאַזמאַן מיט ווייטיק אַ העסלעך בילד פון דער „יידישקייט" צווישן רעפאָרמירטע און האַלב־רעפאָרמירטע טיילן פון בירגערטום. אָט יענע „יידישקייט", וואָס איז איין שטיק פוילעכץ אויפן קערפּער פון יידישן לעבן, און ווען ער אָפּפאַל איז שוין אַוודאי ניט כדאי צו באַוויינען. אָט פון דער שיכט כלי־קודש־יידישקייט רייסט גלאַזמאַן אומברחמנותדיק אַראָפּ די היפּאָקריטישע מאַסקע. ער פירט אונדז אַפילו אויך אַריין אין דעם קרייז פון אַ באַלעבאַטישער משפחה, וואו די סביבה איז אפילו ניט אַזוי צעפוילט. אָבער אויך דאָרט שמעקט עס מיט פרעמדקייט צווישן אַלטן און נייעם דור. דער פאָטער שרעקט זיך פאַר דער פרעמדקייט פון זיינע דער־

וואַקסענע זין, הגם זיי זענען נאָך צוגעבונדן צו די עלטערנס שטוב. די צוגעבונדנקייט איז אָבער נאָר אַן אויסערלעכע, אַ ריין־פאָרמעלע, אָן דער מינדסטער אינערלעכער גייסטיקער דערנענטערונג. אין אַ צווייטער יידישער משפחה, סניטקין, איז דער זון אַפילו אַ „זייאָניסט״ (ציוניסט), אָבער יידיש האָט ער דערפאַר פיינט. ער קען פשוט ניט פאַרטראָגן ווען די עלטערן רעדן נאָך אויף דער שפּראַך . . .

אַזוי איז דער אמת פון יידישן בירגערלעכן לעבן. כאָטש קיינעם, דוכט מיר, דאַרף ניט איינפאַלן צו וואַרפן די שולד אויף אַמעריקע, ווייל אין וועלכע לענדער פון יידישן לעבן איז דען אַנדערש? . . . ס'איז די אייגנטלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן בירגערטום אומעטום, וואָס זוכט צו אַנטלויפן פון זיך אַליין, שטרעבט זיך „אַריינ־צופּאַסן״ אין דעם אַרומיקן „פרייען״ לעבן.

יאָ, אַזוי זעט אויס די סביבה אין גלאַזמאַנ'ס דערמאָנטע דערציי־לונג. מיר וועלן די דאָזיקע יידישקייט ניט באַווייזן. מיר ווייסן, אַז פונקט ווי אין די איבעריקע יידישע לענדער פאַרמאָגט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע ניט בלויז דאָס, וואָס גלאַזמאַן שילדערט. ווייל אויך אין אַמעריקע דיפערענצירט זיך פאַמעלעך דאָס יידישע לעבן. צוזאַמען מיט די עלעמענטן, וועמען דאָס לעבן גופא האָט פאַרמשפט צום אונטערגאַנג, וואַקסט זיך פונאַנדער אַ ניי יידיש לעבן, אויסגע־טראָגן דורך נייע געזונטע עלעמענטן, וואָס וועלן דאַרט זיכער ניט דערלאָזן, אַז דאָס יידישקייט — אין ריינעם מענטשלעכן באַגריף — זאָל אָפּשטאַרבן.

2

גלאַזמאַן אַליין ווייסט אויך דעם דאָזיקן אמת. טאַקע אין „אונ־טערן צייכן פון אונטערגאַנג״ באַקענט אונדז גלאַזמאַן מיט צוויי אַנדע־רע פאַרשוינען, וואָס זענען אַ נייעס, אַן אַנטפּלעקונג פאַר גלאַזמאַנען גופא.

ש ו ו י און ל י ב ע ר זענען נייע טיפּן אין גלאַזמאַנ'ס שאַפן, ווייל זיי זענען ניי אין יידישן לעבן אין אַמעריקע און מחוץ אַמעריקע.

שוויי — דער יונגער, גייסטיק־ריינער שוויי — קומט קיין אַמע־ריקע און לערנט זיך אויס צו אַרבעטן ביי אַלערליי פיזישע מלאכות,

הגם ער איז, ווי יעדער אינטעליגענט—אָרגאַניש דערצו נישט צוגע־פּאַסט. שוויי איז אָבער אַ נייער מענטש מיט נייע אידייען. אין אים אויך נאָגט אַפילו די בענקשאַפט נאָך דער אָפּגייענדיקער יידישקייט, פון וועלכער ער איז אַן עדות. ער טראָגט זיך אַפילו אַרום מיט פאַר־נעפּלטע געדאַנקען פון פונאַנדערבלאָזן אַן אַנדער יידיש לעבן, אַ נ י י ע ס . . . און הגם גלאַזמאַן מאַכט אונדז ניט קלאָר אין וואָס דאָס נייע באַשטייט, פילן מיר אָבער מיט דעם צאַפּל זיינעם פון אַ שטרעבונג צו באַנייאונג, צו אויפלעבונג . . . שוויי איז אַ יחיד לגבי אַ רבים אונטערגייענדיקע? — יעדע גרויסע באַוועגונג איז אויס־געטראָגן און פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן דורך יחידים, בפרט נאָך, ווען זיי ווערן אַליין צאַלרייכער, אַט־די יחידים. מען געפינט זיי נישט בלויז אין די אָפּגעזונדערטקייטן פון די דזשאָרדזשיאַ־פעלדער, נאָר אויך אין די שטעט, צווישן קאָמפּאַקטע מאַסן אַרבעטנדיקע פּראָלעטאַריער . . .

אַ שאָד נאָר, וואָס שוויי איז אין דער דערמאָנטער דערציילונג מער סימבאָל ווי פּערזענלעכקייט. ער דערשיינט פאַר אונדז גיכער ווי אַ וויזיע, איידער ווי אַ רעאַליטעט. אַ פאַרנעפּלטע פיגור, וואָס זעט זיך בלויז אַרויס דורך אומקלאָר־געשריבענע נאָטיצן; אַ פיגור וואָס איז דעזיגנירט ווי אַ פּראָטעסט קעגן ארומיקן. בלייבט ער דע־ריבער אַ ניט־פאַרשטאַנענער לגבי דעם לערער ליבער. דער לעצ־טער — אַ מענטש, אַ ציניקער, ביי וועמען די רעאַלע ווירקלעכקייט איז תמיד וויכטיקער פון יעטווידן „אידעאַליזם". זיינס איז אַ וואול־גאַרער ציניזער רעאַליזם, וואָס דערוועקט פיל וויניקער סימפּאַטיע, ווי דער אין־זיך פאַרשלאָסענער ש וו י י, מיט זיין בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס איז אַזוי אומבאַשטימט און ניט־קאָנקרעט, אָבער פאָרט שיין.

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין שווייען איז זיין נייגונג צו פרעמדע ווייטקייטן, אַ שטיקל סימבאָל פון יידישן אומרו, פון ניט־געבונדנקייט צו אָרט און סביבה, פון טראָגן אין דער פרעמד אַריין עפּעס פון א באַזונדערער אייגנאַרטיקייט, כמעט אַ מיסיע . . .

3

נ י י יידיש לעבן געפינען מיר אויך אין דער דערציילונג „אָשר". דאָ האָבן מיר ענדלעך דעם געזונטן אימיגראַנטישן דור, מיט זיינע נייע אַהערגעבראכטע טראַדיציעס און לעבנס־איינשטעלונגען פון

דער אַלטער היים. דאָס, אייגנטלעך, נאָך וועלכן גלאַזמאַן האָט זיך אזוי בענקשאַפטלעך געיאָגט . . .

אין „ אָ ש ר ן " האָבן מיר אַ טיפּ פון אַ מאָדערנעם יידישן קולטור־מענטש, איינער פון דער ייִנגער, געזונטער מחנה אידעאַליסטן, וואָס ווילן זייערע פון דער היים איינגעזאַפּטע קולטור־פאָרמען און קול־טור־באַגריפן איבערפלאַנצן אויפן נייעם, זאַמדיקן באָדן פון דער אמע־ריקאַנער ווירקלעכקייט. אין אַ סביבה, וואו דער שמעלץ־טאָפּ אַסי־מילירט און פאַרשלינגט אַלץ און אַלעמען, וויל גאָר אַזאַ אָשר אַז מען זאָל ריידן יידיש און אַז דער יונגער דור זאָל די פרייע צייט ווידמענען גייסטיקע ענינים . . .

אָשר איז ניט קיין יידישיסטישער קולטור־טוער, נאָר אַ מענטש, וואָס לעבט און אַרבעט, אַ פּראָלעטאַריער. ער איז אַפילו צופרידן מיט זיין גורל פון לעבן דורך שווערער פיזישער אַרבט. אָבער . . . מיט קיין ברייטע פּראָלעטאַרישע אידעאַלן טראָגט זיך אָשר פאָרט ניט אַרום. אים גענוגט די יידישיסטישע קולטור־פאַרלאַנגען אַליין אויסצולעבן זיך.

פון אשרן האָט זיך אַפילו געלאָזט מאַכן אַ מער פּראָבלעמאַטישן טיפּ פון אַ פּראָלעטאַריער, מיט ברייטע אידעאַלן, נאָר דאָס האָט משמעות ניט געקענט זיין צוליבן אויטאָביאָגראַפישן מאָמענט אין דער דערציילונג.

און וויל גלאַזמאַן פאָרט אָפּט צינויף טיפּע קאָנטראַסטן אין זיינע דערציילונגען, — ווי למשל שווייען מיט ליבערן, — האָבן מיר אויך דאָ אַלס קעגנזאַץ צום אידעאַליסטישן אָשר, — דעם מגושמדיקן ענדריוס, אַ טיפּ פון אַ מאַטעריאַליסטישן אַמעריקאַנער. צווישן זיי ביידן וואַקלט זיך די נייטראַלע נעסי. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע גלאַזמאַנ׳ס פרויען־טיפּן איז זי נאָך צו־יונג און ווייניק זעלבסטשטענדיק, כדי צו דעצידירן צווישן אָשרס גייס־טיקן אידעאַליזם און ענדריוסעס מגושמדיקן מאַטעריאַליזם, מיט וועל־כן ער באַזיגט סוף־כל־סוף אָשרן . . .

אַ שאָד איז פונדעסטוועגן, וואָס די דערציילונג „אָשר" רייסט זיך איבער ביים סאַמע אָנהויב, ווען גלאַזמאַן פאַרמעסט זיך פאַר אונדז פונאַנדערצעוויקלען אַ ברייט בילד פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, מיט שטריכן פון פּאָזיטיוויזם. אַ שאָד, ווייל סיי דער סיוזשעט, סיי די קאָנ־סטרוקציע פון דער דערציילונג זענען געגוג פאַרן בוי פון אַ ברייטן ראָמאַן.

עס ווערט אונדז ביסלעכווייז קלאָר דער אימפּעט פון גלאַזמאַנ'ס שאַפן ווי די פראַגמענטאַרישקייט פון אַ סך זיינע ווערק, וואָס זענען אלץ אָ נ ה ו י ב ן, — אָנהויבן צו רעאַליזירן יענע גרויסע ווערק, וואָס וועגן זיי האָט ער אַ גאַנץ לעבן געחלומט און נאָר דורך פאַרשיידענע שטערונגען אין לעבן געווען געצוואונגען זיי איבערצולאָזן ניט־פאַרענדיקט. און ווייל יענע גרויסע ווערק זענען דערווייל נאָך ניט געשאַפן געוואָרן, זענען מיר געבליבן ביי היפּשע פראַגמענטן, וואָס וואַרטן אויף אַ תּיקון.

קאַפּיטל צוועלף

„אויף אַן אינזל" — אַ ראָמאַן, אַ סינטעז.

1

אין 1922 פאַרענדיקט גלאַזמאַן דאָס ערשטע גרויסע ווערק, וואָס איז נישט פראַגמענטאַריש. דעם ערשטן גרויסן לייוונט, וואָס פאַר־פּיקסירט אַ ברייט, אַלזייטיק בילד פון אַ שטיק מענטשלעך לעבן, אַ ווערק פול מיט נייער מיליע, פעריפעריע און האָריזאָנטאַלער פּערספּעקטיוו — אַ גרויסן ראָמאַן.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איידער מיר באַקע־נען זיך מיט די מענטשן אויפן אינזל, איז די נאַטור. דער פּייזאַזש פון ים און נאַטור. אין דעם פּרט דערשיינט גלאַזמאַן אַלס גרויסער מייסטער. אין דאָזיקן ווערק, וואָס איז ווי אַ סינטעז פון אַלע אידייען, פּראָבלעמען, טיפן און געשטאַלטן פון אלע זיינע ווערק, האָט גלאַזמאַן צום ערשטן מאָל קאָנצענטרירט די גאַנצע קראַפט און פאַרבן־רייכקייט פון זיין פעדער.

גלאַזמאַנ'ס ליבע צו דער נאַטור — אַ ליבע, וואָס איז אפשר שטאַרקער ווי צו מענטשן — ציט איר שורש פון זיין קינדהייט, וואָס איז פאַרפלאָסן אין זיין געבורט־שטאָט, איינס פון די שענסטע אין פּאָ־לעסיע. אַ שטאָט, אַרומגערינגלט מיט בערג, גערטנער, טאָלן, אָזיע־רעס, שמעקנדיקע פליינען און פעלדער . . . די אַלע ערשטע איינ־דרוקן האָבן זיך אָפּגעזעצט אין דער נשמה און קינסטלעריש דערהויבן געוואָרן אין זיינע ווערק, און גאָר באַזונדער אין „אויף אַן אינזל".

אַפילו אין זיין אומרואיקן לעבן, אין דער נערוועזיטעט פון זיין שאַפונג־פּראָצעס, וואָס האָט אָפטמאָל גורם געווען צו פראַגמענטאַריש־קייט פון זיינע ווערק, האָט גלאַזמאַן דאָך אַמאָל געמוזט האָבן צייטן פון גייסטיקער שלוה, כדי דורכצופירן די אַרבעט פון אַזאַ גרויסן ראָמאַן.

אין פולער מאָס באַהערשט דאָ גלאַזמאַן זיין שטאָף, ניט נאָר ביים שילדערן די נאַטור, נאָר אויך ביים שילדערן דאָס לעבן פון זיינע

מענטשן אויף דער קליינער אַרבעטסזאַמער אינזל, מיט אירע פישער און ים־לייט.

צום ערשטן מאָל גיט אונדז גלאַזמאַן ברייטע בילדער פון אַ מאַסן־לעבן, פון פאַרשיידנפאַרביקן קאָמפּליצירטן קיבוץ, מיט זייערע קאַפּריזן, ליידן און פריידן.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר דער הינטערגרונט, דער ברייטער לייוונט, אויף וועלכן ס'איז אָנגעצויגן דאָס לעבן און טעטיקייט פון אַ באַשטימטן קרייז יחידים, די הויפּט־העלדן אין ראָמאַן. אין זייער געשטאַלטונג באַמיט זיך דער קינסטלער צו רעאַליזירן און ברענגען צום אויסדרוק אַלע יענע אידייען און פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אים דאָס גאַנצע לעבן. דאָס איז אַ מין סינטעז פון אַלע זיינע קעגנגעזעצטע פאַרשוינען און אידייען.

2

פאַרשטייט זיך, זאָ מיר באַגעגענען זיך דאָ ווידעראַמאָל מיטן פּראָבלעם פון עראָטיזם.

גלאַזמאַן איז דאָ אויף אַ האָר ניט אָפּגעטרעטן פון זיין מיינונג איבער פרוי און ליבע. אויך דאָ האָבן מיר דעם אייביקן קאָנטראַסט צווישן ע ר און ז י, יענעם אייביקן עקשנותדיקן קאַמף, וואָס לויערט אזוי מששת ימי בראשית איבערן מין מענטש. די נאַטור מאַכט מען ניט איבער — פאַרפאַלן. דאָס באַציט זיך סיי צו דער אַלגעמיינער קאָנקלוזיע איבער די עראָטישע באַציאונגען אויף דעם אינזל, סיי צו די אינדיווידועלע באַציאונגען צווישן יחידים.

איין קליינע ענדערונג בלויז: די אויבערמאַכט פון דער פרוי איבערן מאַן — ניט די גייסטיקע, נאָר די עראָטישע נאַטירלעך — איז שוין דאָ אַביסל אָפּגעשוואַכט לגבי די אַנדערע נאָוועלן. ווייל צווישן די פרויען, וואָס מיר באַגעגענען אויפן אינזל, טיילט זיך וויניקסטנס אַרויס איין ר אַ י ע מיט דער אַנדערשקייט פון איר כאַראַקטער לגבי איר געליבטן.

„זי איז געווען מיט עטלעכע יאָר יונגער פון ד אָ נ ע ן, אָבער עלטער פאַר אים אין רייפקייט. זי האָט מער געזען די מענטשן ארום זיך, האָט געהאַט אַ שטאַרקערן ווילן, מער באַשטימטקייט אין אירע פאַרלאַנגען און מער אַנטשלאָסנקייט, איידער ד ן. בכלל איז זי

געוועז אַ סך אויסגעוואַקסענער און צייטיקער פון אים״ . . .

איז עס שוין אַ שטיקל נייעס ביי גלאַזמאַנען, וויבאַלד ער זאָגט אונדז ניט, אַז איר העכערקייט באַשטייט ניט בלויז מיט איר קערפּער, „איר איינציקן פאַרמעגן״. אַז מיר קוקן זיך גוט איין אין דעם דאָזיקן מיידל, וועלנדיק דערגיין דעם סוד פון איר אַנדערשקייט, דערקענען מיר אין איר אונדזער אַלט־באַקאַנטע ראַיען, פון דער „משפּחה פּיקו־דאַ״ . . . הייסט עס, אַז איר ווילדער עקספּאַנסיווער און עגאָצענט־רישער כאַראַקטער פון די קינדער־יאָרן איז, סוף־כל־סוף, אַריינ־טרעטנדיק אין לעבן, דערסירט געוואָרן? . . . וויבאַלד אַזוי איז שוין רעכט, וואָס זי בלייבט אַלץ העכער ווי דן — הגם מיר זעען גיכער דנ׳ס שוואַכקייט איידער ראַיעס שטאַרקייט — אַבי איר לעבן איז ניט צערונען געוואָרן אין דער איינזאַמער שוויגעניש, ווי איר פאָטער זאַ־כאַר פּיקודאס לעבן . . . שלעכט איז, ווען יונגע מענטשן הויבן שוין אָן צו שווייגן. שוין בעסער, אַז זיי פּייניקן זיך קעגנזייטיק מיט קאַפּ־ריזן, איידער שווייגן. ווייל בשעת קאַפּריזן טראָגן אין זייער שויס די באַגערנדיקע ליבע, טראָגט אָבער כמעט תמיד דאָס שווייגן פאַרבאָרגן דעם האַס, די שנאה. און שנאה איז ס׳רוב ניט גערעכט, ווייל זי נעמט זיך פון ניט־פאַרשטיין זיך.

ווייל וואָס דען אַנדערש טראָגט אין זיך דאָס שווייגן פונעם יונגן ערלעכן ד ן , אויב ניט זיין אין תוך אַסקעטישע נאַטור, מיט זיינע אויסטערלישע, אויב ניט אומרייפע, באַגריפן איבערן לעבן? . . .

3

דריי זענען זיי. דריי חברים, וועמען די אומשטענדן האָלטן אַ געוויסע צייט צוזאַמען אויפן אינזל; דן, קודראָוו און מאַנאַט. די ערשטע צוויי — אַרבעטער. אינטעליגענטע און, יעדער אויף זיין שטייגער, באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. דער דריטער, מאַנאַט — אַ שרייבער, אויך אַן ארבעטער, נאָר אַ גייסטיקער.

דריי חברים—דריי כאַראַקטערן, וואָס פאַרטראָגן זיך קעגנזייטיק שווער: דער נויטיקער פּסיכאָלאָגישער באַדינג פון אַרויסברענגען קעגנזעצלעכע מיינונגען און אידייען.

דער מער רעאַליסטישער טיפּ דערשיינט ק ו ד ר אָ ו ו . זיי־נע געדאַנקען און איינשטעלונגען איבער וועלט און לעבן, זיינע באַ־

גריפן איבער פּראָבלעמען פון אַרבעט און קאַפּיטאַל למשל, זענען נענ־טער דער ווירקלעכקייט, איידער די אינטעליגענטישע קליינבירגער־לעכע אידעאָלאָגיע פון דעם יונגן דן. שוין אָפּגערעדט פון די ניהי־ליסטיש־צינישע איינשטעלונגען פון מ א נ א ט ן , וואָס דערשיינט אַלס ליטעראַרישער, דורכגעטריבענער פאַרשוין. (אַ שטיקל פּראָטאָטיפּ פון גלאַזמאַנ׳ס נעגאַטיווע שרייבער־טיפּן).

דיסקוטירן האָבן אונדזערע דריי פאַרשוינען ניט פיינט . . . און גראָד איבער פּראָבלעמען, וואָס זענען אַקטועל אין אונדזערע צייטן פון פאַרשאַרפטע סאָציאַלע גערעגלען. מען מיידט אויך ניט אויס די „אייביקע פּראָבלעמען" — וועגן קונסט, קינסטלער, מאָראַל, עסטעטיק און אַלע אַנדערע פראַגן, וואָס קענען אינטערעסירן אינטעליגענטע מענטשן.

גלאַזמאַן האָט דאָ געמוזט זיין געניט פאַרזיכטיק אין די מיטלען, כדי אַז אָט־די דיסקוסיעס זאָלן ניט זיין באַנאַל, און הויפּטזעכלעך — ניט ווערן לאַנגווייליק, ווי עס טרעפט אָפּט אין ביכער־דיסקוסיעס אי־בער אַזעלכע פּראָבלעמען. אַחוץ דעם: אַ סך פון זיינע גרויסע קינסט־לערישע פּאָטענצן האָט דאָ גלאַזמאַן געמוזט אָנווענדן, כדי די גאַנצע עשירות פון זיין מאַטעריאַל אויפן שטח פון אַ גרויס ווערק זאָל זיך ניט פאַרלירן אין די פּרטים פון שילדערונגען און פּייזאַזשן, און דער אינ־טערעס ביים לייענער זאָל אָנגעהאַלטן ווערן. ווייל אָנהאַלטן דעם אינ־טערעס ביים לייענער, קען מען ניט בלויז מיטן ספּור־המעשה אָדער דורך פּרט־שילדערונגען, נאָר הויפּטזעכלעך, ווען מען שאַפט לעבעדי־קע מענטשן, געשטאַלטן, וואָס מ אָ נ ע ן עפּעס און ווילן עפּעס זאָגן. גלאַזמאַנ׳ס געשטאַלטן אין „אויף אַן אינזל" ז אָ ג ן עפּעס, פאַראינטערעסירן אונדז, צ ו ו י נ ג ע ן אונדז זיך צוצוהערן, צי מיר זענען יאָ, צי ניט מסכים מיטן געזאָגטן . . .

4

אַוודאי איז אונדז מענטשלעך נענטער דער כאַראַקטער־ווייכער און אין זיינע מיינונגען נאַאיווער ד ן , איידער דער היפּער־ראַפּי־נירטער ציניקער מ אָ נ א ט . אוודאי איז אונדז ליבער דנ׳ס נאַ־איווע איינשטעלונג וועגן אַ מוסטער־לעבן, געבויט לויטן שטייגער פון די אַמאָליקע איסיים, „אַ לעבן רעגולירט לויט לאָגישע כללים, אַ

לעבן אין ריכטיקע ראַמען, אַ לעבן — קלאָר, רואיק און איינטאָניק, ווי אַ ווינטער־טאָג אין אַ קליין שטעטל״. . . — איידער מאַנאַטס אָפּ־חוזקן פון דנ׳עץ, וועמען ער, מאַנאַט, באטראכט פאַר א „שווערן מענטש״, וואָס נעמט אַזוי בלוטיק ערנסט דאָס, וואָס איז ניט מער ווי אַ שפּיל. מאַנאַט לאַכט פון דנ׳עץ פאַר זיין האַלטן זיך אָן „יידישע מאָראַל־פּרינציפּן״. אַוודאי איז אונדז אַפילו דאָס לעצטע אַלץ נענ־טער, איידער מאַנאַטס אָפּלאַכעריי. ס׳איז פונדעסטוועגן שווער פאַר־בייצוגיין גלייכגילטיק אַ ל ע פלאַפּלערייען מאַנאַטס, שוין בלויז דערפאַר, ווייל ווי־נישט־ווי שיילן זיך פון זיי אַרויס געוויסע אמתן, ווי ס׳טרעפט אָפט ביי גרויסע ציניקער, וואָס פלאַפּלען וועגן אַלץ און אלעם און וועמענס הויפּט־איינשטעלונג אין לעבן איז:

„די איינציקע לעבנס־חכמה איז דאָך — גאָרנישט צו נעמען ערנסט. זאָל איינער באַטראַכטן אַלע געשעענישן פון זיין לעבן, אפילו די וויכטיקסטע, בלויז ווי נייצוגעקומענע עפּיזאָדן פון אַ געלייענטן בוך״ . . .

אַזאַ איינשטעלונג איז שעדלעך, ווייל זי אָטעמט מיט אויסגע־וואָרצלטקייט, מיט ניט־געבונדנקייט צו סביבה, מיט הפקרות אין פּרט פון עטיש־מאָראַלע באַגריפן. פונדעסטוועגן הערן מיר זיך צו מיט אינטערעס צו מאַנאַטס דעפיניציע איבער ריינער און אומריינער טאַט און מחשבה אין שייכות צו פּראָסטיטוציע:

„וואָס איז דען דאָ אין אַ „טאַט״? אַן אומריינע מחשבה איז אַ סך קויטיקער ווי אַן אומריינער טאַט . . . שוין דערפאַר אַליין, וואָס די „אומריינע״ טאַט, נאָכדעם ווי זי ווערט אַרויסגעבראַכט פון דער פאַ־טענץ, וואו זי האַלט אין איין באַאומרואיקן, דראָען און גריזשען און פאַרשפּרייטן אַרום זיך אומצוכט און אייטער—פאַרשווינדט די „טאַט״ צוזאַמען מיט דער אומריינקייט און לאָזט איבער דעם טוער אַ ריינעם... אויב ס׳איז בכלל דאָ אַזאַ זאַך ווי „אומריינע״ טאַטן! אומריין איז בלויז — די אומריינע, די ש ט ע נ ד י ק ־ אומריינע מחשבה . . . (ב י ז־ ט ו דען תמיד פריי פון „אומריינע״ מחשבות?)

די דאָזיקע דעפיניציע קומט אין שייכות מיט דעם הויז פון די דריי שוועסטער־פּראָסטיטוטקעס, וואו ביידע, סיי דן און סיי מאַנאַט, פאַרקערן. ניט מער, ד ן איז שוין אַביסל צו־נאַאיוו מיט זיינע פראַגן צו די שוועסטער גיבן זיך טאַקע איבער צו „יעדן איינעם״, פונקט ווי אַביסל פּרעטענציעז־איבערגעטריבן עס קלינגט זייער

— יאָ, צו יעדן איינעם, אָבער ניט צו אייך, ווייל מיר גיבן זיך איבער צו ריינע.

בכלל געמונען דאַכט זיך, אַז סיי אין דער שילדערונג פון דער ראַפינירטער דריי־שוועסטערדיקער פּראָסטיטוציע, וואָס דערנענטערן זיי צו גריכישע ליבע־געטינס, סיי אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע פון אַנטקעגנשטעלן מאַנאַטס היפּער־ציניזם צו דנ׳ס פּרימיטיוויזם — איז פאַראַן מליצהדיקייט, איבערטרייבונג, צופיל פּרעטענציעזקייט. ווייל דאָס איז די בולטע כוונה קעגנצושטעלן מאַנאַטס העלעניסטישע אייננ־שטעלונגען און לעבנס־באַגריפן, דער קאָנסערוואַטיווער מאָראַל פון דנ׳ס אַלט־יידישקייט.

5

אויך דער סאָציאַלער מאָמענט דערשיינט אין „אויף אַן אינזל״ קלאָר און בולט, אפשר קלאָרער ווי אַלע איבעריקע פּראָבלעמען, וואָס זענען דאָך ניט פריי פון אַ געוויסער מאָס קאָנפוזיע.

כדי אַרויסצוברענגען די סאָציאַלע איינשטעלונגען פון זיינע טיפּן: דן און קודראָוו, פירט גלאַזמאַן אַריין אין זיין ראָמאַן אַ טיפּ פון אַ רייכן פאַבריקאַנט׳ס אַ טאָכטער. אַ סנאָביסטקע, וואָס קאָקעטירט דווקא מיט איר ליבע צו פּראָלעטאַריער. זי פאַרנעמט זיך מיט מאַלעריי און סקולפּטור און אין איר שאַפן באַמיט זי זיך דווקא צו פאַרקערפּערן דעם פּראָצעס פון אַרבעט, פון שאַפן. זי שטאָלצירט דערמיט און באַ־רימט זיך פאַר דנ׳ען און קודראָוון, גלויבנדיק, אַז זי וועט ביי זיי דער־מיט שטאַרק אויסנעמען. זי האָט אָבער אַ טעות: דן און קודראָוו זענען ניט נאָר גלייכגילטיק צו איר באַגייסטערונג, נאָר זיי ווייזן אַרויס קעגנ־נערשאַפט צו אָט־דער סנאָביסטישער קונסט פון רייכע טעכטער:

— צוליב וואָס און ווער דאַרף עס אָט־די קונסט אייערע?—ענט־פערט איר דן מיט זיין אָפענער קאַלטקייט. און קודראָוו, דער געזונ־טער פּראָלעטאַריער, טראַכט, אַז אייגנטלעך: „זייער אמתער דראַנג נאָך קונסט שטאַמט דאָך פון צופיל ליידיקגייערשאַפט . . . אַז אַליין פּראָ־דוצירן זיי גאָרנישט און אַלעס נויטיקע ווערט פאַר זיי אָפּגעטון מיט פרעמדע הענט . . . איז דען אַ חידוש, וואָס ביי זיי ווערט געבוירן דער פאַרלאַנג מיט עפּעס אויסצופילן די ליידיקייט פון זייער לעבן?״ . . .

אין זיין האַס צו דער בורזשואַזיע, אין זיין אומגלויבן אין זייער גוטהאַרציקייט און סענטימענטן לטובת די אַרבעטער, וואָס זאָל זייער

כלומרשטע קונסט מאַכן אויפּריכטיק און ערלעך, דערגייט גלאַזמאַנ'ס העלד אַזש ביזן ווייטסטן עקסטרעם:

„מען דאַרף זיי (די בורזשואַזיע) פאַרניכטן, איינגאַנצן אויסראָטן, ביזן עק פּאַרטיליקן, מיט גוטן ווילן זיי קיינמאָל נישט אַוועקגיין. אָן אַ זכר דאַרף מען זיי פון דער וועלט אָפּווישן, ווייל אַנדערש וועט אין אַ צייט אַרום דאָס גאַנצע פּאַסקודנע פאַרשאָלטענע געשלעכט זייערס צוריק אָנפלאָדיען זיך" . . .

קענען מיר שוין גלאַזמאַנ'ס טבע צו דערפירן זיין יעדע אידייע, אָדער טיפּ, צום עקסטרעם, וואָס גרענעצט אָפט מיט איבערטרייבונג... ווייל אַ באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריער מוז ניט דווקא זיין אַזוי אומרחמנותדיק־שאַרף אין זיין טראַכטן און אויסדריקן. פונדעסטוועגן באַטראַכטן מיר אָט־דעם פּראָלעטאַריער־טיפּ ביי גלאַזמאַנען אַלס פּאַזיטיוון. אַלס איינעם פון די ערשטע, ווען גלאַזמאַן שטעלט פאַר אונדז פאָר. ער דערשיינט, אַלנפאַלס, אַ סך סימפּאַטישער איידער דער ציניקער מאַנאַט מיט זיין אַנטקעגנשטעלן די שוין־אָפּגעלעבטע אינדיווידואַליסטיש־אַנאַרכיסטישע טעאָריעס וועגן „אַבסאָלוטער גערעכטיקייט" אַלס אַ טייל פון דער וועלט, וואָס מען קען, הייסט עס, ניט געפינען אין די שטרעבונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. ווייל דאָס שלעכטס קעגן וועלכן מען קעמפט ווערט דאַרט ניט באַזייטיקט, נאָר פאַרקערט: עס באַזיגט אַליין די קעמפער, ווערנדיק אַן אינטעגראַלער עלעמענט פון זיי גופא . . .

פאַרעלטערט זענען די דאָזיקע אַרגומענטן מאַנאַטס און גאַרנישט איבערצייגנדיק, ווייל ניט באַקעמפן סתם שלעכטס, אָדער אומרעכט איז דער ציל פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר דאָס באַזייטיקן זייערע סיבות: דעם קלאַס, וואָס רופט זיי אַרויס . . . אפשר טאַקע — דאָס גרעסטע שלעכטס פון דער מענטשהייט!

האָבנדיק פאַר זיך אָט־די פּערספּעקטיוון און צילן, דערשיינט שוין גאָר אַבסטראַקט דעם זעלבן מאַנאַטס מעדיטאַציעס איבערן „אמת", צוליב וועלכן עס לוינט זיך ניט צו „פאַרלירן קיין טראָפּן פון מענטשלעכן גליק". אין אָנבליק פון דער גאַנצער געשיכטלעכער באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס, אין די פּאַטענצן פון זיינע רעכט, ווערט יעדער אמת אויס אַבסטראַקציע. באַקומט די אידייע פון אויסלייזונג בלוט און פלייש, דערהויבט זי זיך איבערן יחידישן עגאָאיזם צו אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער הויך.

צום דאָזיקן אויסגאַנג־פּונקט איז גלאַזמאַן קוים דערגאַנגען אין

די מעדיטאַציעס פון זיינע העלדן אין דאָזיקן גרויסן ראָמאַן, וואו דער סאָציאַלער מאָמענט בילדעט אַ געוויסן סינטעז פון אַלע זיינע פריער באַרירטע פּראָבלעמען און אידייען. גיין ווייטער, טיפער אין וואַלד פון סאָציאַלן פּראָבלעם איז שווער פון גלאַזמאַנען צו פאַרלאַנגען. דער וועג איז אַ ווייטער און אַ שווערער, אַז עס פעלט אָפּטמאָל אויס אָטעם... אַחוץ דעם איז גלאַזמאַן צו־שטאַרק צוגעבונדן צו זיין אייגענעם וועג, אַז ער זאָל זיך פון אים אָפּווענדן אויף אַלגעמיינע וועגן. לאָמיר־זשע זיך צוהערן צו דעם, וואָס גלאַזמאַן טראָגט אונדז פון צייט־צו־צייט אונ־טער פון ז י י ן וועג.

קאַפּיטל דרייצן

מענטשלעכע רעאַליטעט דורך דער וויזיע פון שטיין־געוועב

1

ווייט ניט אַלץ, וואָס גלאַזמאַן האָט געשריבן אויף סאָציאַלע מאָטיוון, — און, אגב, אויך ניט אויף אַנדערע מאָטיוון . . . — איז צונויפגעקליבן אין בוך־פאָרם. פאַרקערט: צאָלרייכע דערציילונגען זיינע זענען נאָך אלץ געבליבן אויף די געדרוקטע זייטן און עמודים פון אַ סך זשורנאַלן און צייטונגען ממש איבער גאָר דער וועלט, און איבערהויפּט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" פאַר די יאָרן 1934־37. דאָרט זענען זיי אָפט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס שאַפונגען פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז קיינע פון די דאָזיקע דערציילונגען פאַרגלייכט זיך ניט אין שטאַרקייט מיט דער גרויסער נאָוועלע „שטיינוועבס" (דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „שול און בוך" אין 1925).

אָנגעשריבן דידאָזיקע דערציילונג האָט טאַקע גלאַזמאַן אַרום יענער צייט, זיך געפינענדיק אין קיעוו. קען זיין, אַז דעמאָלט, ביי זיין ערשטן עקספּערימענט פון אַנטלויפן פון אַמעריקע, האָט גלאַזמאַן געפּרוווט רעאַליזירן זיין אַלטן געדאַנק: צו שרייבן וועגן אמעריקע, זיך געפינענדיק ווייט פון דאָרט . . . און הגם די דערציילונג איז פונעם ניו־יאָרקער יידישן אַרבעטער־לעבן (פון גלאַזמאַנ׳ס אייגענעם ערשטן אַרבעטס־פּעריאָד אין אַמעריקע, בעת די יאָרן 1912־14), איז זי אָבער רעאַליזירט געוואָרן מיט אַזויפיל עקספּרעסיע און קינסטלערישן כח, אַז זי בלייבט צווישן גלאַזמאַנ׳ס שטאַרקסטע שאַפונגען.

גלאַזמאַן שילדערט דאָס שווערע לעבן פון אַרבעטער ביי שטובן־מאלעריי. הויפּטזעכלעך די שווערע באַדינגונגען פאַר „גרינע" אַרבעטער, וואָס ניט קענענדיק די שפּראַך, מוזן זיי די ערשטע צייט אָננעמען אַרבעט אונטער אַלע באַדינגונגען. ממילא זענען זיי גרעסערע אָביעקטן פאַר באַסישער עקספּלואַטאַציע.

אַביסל אומעטיקלעך און צעצויגן שילדערט גלאַזמאַן אַט־די ספּעציפישע אַרבעטס־באַדינגונגען ביי אומסימפּאַטישע „באָסן“, וואָס קלויבן זיך צו ניט ווייניקער אומסימפּאַטישע אַרבעטער־פּאַרמאַנס, וואָס דריקן שווער אויפן אַרבעטער, בפרט נאָך, ווען דער לעצטער איז דורכאויס ניט קיין פּאַסיווער עלעמענט, וואָס זאָל שווייגנדיק און געהאַרכזאַם אַריבערטראָגן אַלע באָסישע באַליידיקונגען און כיטרע שפּיצלעך.

דזשעק, גלאַזמאַנ׳ס אַרבעטער־טיפּ אין „שטיינוועבס“, מאַכט מיט אַט דאָס שווערע לעבן אין אַן אומגעזונטער אַרבעטס־אַטמאָספערע. ווי ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גלאַזמאַנ׳ס אַרבעטער־טיפּן, ווערט זייער לעבן ניט אויסגעפילט בלויז מיט פיזישער אַרבעט; ווי אַלע אינטעליגענטע אַרבעטער־טיפּן ביי גלאַזמאַנען, גיט זיך אויך דזשעק אָפּ מיט שטודירן. פאַר אים אויך איז דער פיזישער אַרבעט־פּעריאָד ניט דער עיקר אין לעבן. ער דאַרף העלפן אים איבערוויינדן די שווערע אומשטענדן כדי צו דערגרייכן אַ העכערן ציל, אַ גייסטיקן, וואָס נאָר די בילדונג קען געבן.

גלאַזמאַן איז אויך דאָ ניט „נייטראַל“ צו זיינע פּאַרשוינען. מיט שטאַרק־עקספּרעסיווע מיטלען שילדערט ער סיי די אַרבעט־באַדינגונגען און סיי די בילדונג־ספערן, אין וועלכע זיין העלד לעבט, און ביידע אָפּצווייגן זענען אים ניט סימפּאַטיש. דזשעק פילט אַ האַס צו זיינע אַרבעטס־געבער, מיט זייער ענגהאַרציקייט און דראַנג צו עקספּלואַטאַציע.

ער איז אַ סענסיטיווער כאַראַקטער. אין זיין אינערלעכן דראַנג צו העכערקייט און שענערקייט פון לעבן, פילט ער זיך ענג אין דער דאָזיקער אַרבעטס־אַטמאָספערע. זיין נשמה ציט צו פרייהייט, צו פרייע מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען, וואו אַ מענטש זאָל ניט זיין דער שקלאַף פון קליינלעכע אַמביציעס און נידעריקע באַדערפעניש. אָפּטמאָל רעוואָלטירט ער טאַקע קעגן זיינע ברויט־געבער און פאַרלאָזט די אַרבעט, כדי כאָטש אויף אַ מאָמענט זיך פילן פרייער. אָבער די מאַטעריעלע נויט באַזיגט אַלע שטרעבונגען און צווינגט זיך ווידער אונטערצוגעבן די שקלאַפישע אַרבעט־באַדינגונגען.

2

אויב דער סאָציאַלער מאָמענט אין גלאַזמאַנ׳ס שריפטן קומט ניט

צום ערשטן מאָל צום אויסדרוק אין „שטיינוועבס״, אַנטפּלעקט זיך אָבער פּאַר אונדז גלאַזמאַן אין דער דאָזיקער דערציילונג אַלס גלענצנדיקער מאָלער פון דער שטאָט ניו־יאָרק גופא. גלאַזמאַנ׳ס פּלאַסטישע מיטלען באַווייזן דאָ פּשוט וואונדער ביים מאָלן די גיגאַנטישע קאָנסטרוקציע פון דער ריזן־שטאָט. דאָס זענען בילדער, וואָס פאַרוואַנדלען זיך אַזש אין וויזיעס און כימערעס.

אין גלאַזמאַנ׳ס אַרט שילדערן, ווי אויך אין דער קרעפּטיקייט פון זיינע מיטלען, איז פאַראַן אַ סך ענלעכס צו דער וויזיאָנערישער פאַרבן־קאָמפּאָזיציע פון פּענזל־קינסטלער אברהם וואָלקאָוויטש. כאָטש אין זייער צוגאַנג צום סיוזשעט זענען ביידע קינסטלער היפּש פאַרשיידן: וואָלקאָוויטש איז צאַפּלדיק פאַרליבט אין דער אויסטערלישער קאָמפּאָזיציע פון דער שטאָט ניו־יאָרק, גלאַזמאַן פאַרבלייבט צו איר מעדיטאַטיוו און רואיק . . . דער דאָזיקער אונטערשייד נעמט זיך געוויס פון דעם, וואָס בשעת פאַרן פּענזל־מאָלער עקזיסטירט בלויז די אַ ב ס ט ר אַ ק צ י ע פון די שטיין־געוועבן, די סימפאָניע פון דער הייזער־קאָנסטרוקציע גופא, פאַרפאַלגט דער וואָרט־קינסטלער דעם מער קאָמפּליצירטן סיוזשעט, וואָס איז איינגעפלאָכטן א י נ ע ם שטיין־געוועב: דעם לעבעדיקן מענטש. גלאַזמאַן, ווי אַ רעאַליסט, קען זיך ניט גלאַט אַנטציקן מיט דער וויזיאָנערישער שיינקייט פון דער קאָנסטרוקציע. דער אורבאַניזם דינט אים קינסטלעריש נאָר אַלס דעקאָראַציע צום מענטשן. ווייל גלאַזמאַנען גייט דאָך דער עיקר אין דערציילן וועגן די מ ע נ ט ש ן , וואָס לעבן, שאַפן און מאַטערן זיך צווישן די שטיין־ווענט און שטיין־געוועבן.

אין די ריזיקע טענעמענט־הייזער, וואָס פאַרמאָגן אפשר פאַרן קינסטלער אויסערלעכע שיינקייט, לעבן די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דאָרט האַרעוועט מען שווער, מען ראַנגלט זיך פאַר עקזיסטענץ און מען לעבט אין שמוץ, ענגשאַפט און דחקות.

אַזוי זעען אויס ביי גלאַזמאַנען די „דעקאָרן״, וואָס „באַפּוצן״ דאָס לעבן פון די אָרעמע שיכטן אין דער ריזן־שטאָט. דאָרט וואו מענטשן „האָבן זיך איצט געבאָדן אין אייגענער לייבישער דעמפּיקייט, האָבן זיך געפּאָרעט אין די לעכער, אַרומגעקראָכן אין דער ערד, פאַרכאַפּטע אינעם האַרטן שפּינוועבס פון מעטאַלענע נעצן — אָן אָטעם האָבן געאָטעמט האַלב־טויטע, געבונדענע באַשעפענישן, בלויז מיט אַ א י ל ו ז י ע פון אייגענעם לעבן, מיט אַן א י ל ו ז י ע פון פרייע באַוועגונגען״ . . .



ביים גראַדואירן די מלוכה־אוניווערסיטעט פון שטאַט אָהייאָ. (1918)

דערפֿאַר קען גלאַזמאַן ניט זיין פֿאַרליבט אין דער אַבסטראַקציע פֿון דער שטאָט, אינעם וויזיאָנערישן געוועב פֿון וואָלקנקראַצער און טענעמענט־הייזער. ווייל וויבאַלד דער מענטש, דער באַשעפֿער פֿון דער גאַנצער קאָנסטרוקציע, ל י י ד ט אינעם דאָזיקן געוועב, מאַטערט זיך פֿאַר זיין עקזיסטענץ, זייענדיק דער אָביעקט פֿון אַ מוראדיקער עקספּלואַטאַציע, ווי דזשעק (דער העלד פֿון „שטיינוועבס"), ווי מיליאָנען דזשעקס; וויבאַלד אַרבעט איז אַלץ אַ פּיין, פּיזיש און מאָראַליש, צוליב באַסישער רשעות, וואָס דערפֿירט צו קאַטאַסטראָפֿע, ווי מיט דזשעקן ביים סוף פֿון דער דאָזיקער דערציילונג — מוז שוין ליידן די אָביעקטיווע ליבע פֿון אַ קינסטלער צו דער שיינקייט פֿון אַ שטיין־געוועב . . .

פֿונדעסטוועגן שטערט עס ניט גלאַזמאַנען צו זען דאָס גאַנצע, דעם אַנסאַמבל, די גאַנצע האַרמאָנישע שיינקייט פֿון מענטש און זיין באַשאַף: די וואונדער־שטאָט. גלאַזמאַן דערהערט דעם אייביקן, אייביקן זשומען פֿון דער ריזן־שטאָט. „פֿון דערווייטן, פֿון אַן־אַ־שיר ווייטן, האָבן געשימערט קראַנצן, אַנצאָליקע פֿייערן, מחנות פֿייער־זיילן, ליכטיקע טורעמס און שלעסער אינגאַנצן פֿון פֿייערן אויסגעבויט, האָבן זיך שפּיצנדיק און דין געהויבן אינמיטן פֿון יום־טובדיק־באַלויכטענעם און רייך־אילומינירטן ניו־יאָרק".

גלאַזמאַנ׳ס מיטמאַכן אין זיינע יינגערע יאָרן אָט־דעם פּראָצעס פֿון אַרבעט האָט זיין באַציאונג צום אַרבעטער־לעבן געמאַכט רעאַלער און אוממיטלבאַרער. אָן דעם דאָזיקן יסוד פֿון אייגענעם איבערלעבן, איז שווער פֿאַר אַ קינסטלער צו פֿילן אַזוי נאָענט די פּראָבלעמען, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן אַרבעטס־לעבן, ליידן און האָפֿענונגען.

אַז גלאַזמאַן האָט אויג און אויער פֿאַרן אַרבעטערס לעבן, קאָן מען עס זען אין אַ היפּשער צאָל פֿון זיינע שריפֿטן. נעמען מיר, למשל, די קלענערע דערציילונגען אין איינעם פֿון זיינע בענדער שריפֿטן: „אונטער דער ערד". גלאַזמאַן באַנעמט פּסיכאָלאָגיש פֿיין די נשמה פֿון אַ מאָדערנער מענטשלעכער מאַשין, אַ מעכאַניזירטער פּראָלעטאַריער, וועמענס געדאַנק־אַפּאַראַט ווערט שיר ניט אַטראָפֿירט, אין לויף פֿון די יאָרן, וואָס ער באַדינט זיין מאַשין. אַחוץ „שאַפּ" פֿאַרברענגט אַזאַ מאַשין־שקלאַף זיינע קאַרגע פֿרייע שעהן אין טונעל פֿון דער אונטערערדישער באַן, פֿאָרנדיק צו און פֿון דער אַרבעט. די פֿרייע וועלט קוקט ער ניט אָן, פֿון טראַכטן האָט ער זיך שוין כמעט אָפּגעוואוינט. ערשט אַ צופֿאַל — דאָס פֿאַרשפּעטיקן זיך פֿון דער

באַן — באַוועגט אים צו פאַרטראַכטן זיך און מאַכן אַ שטיקל חשבון פון זיין לעבן, וואָס פאַרשווינדט אַזוי פוסט און איז רעדוצירט בלויז צו אַ שרייפעלע אין אַלגעמיינעם מעכאַניזם פון דער פאַבריק, וואו זיין אייגענע רעאַליטעט פאַרלירט זיך אינעם גאַנצן געוועב פון דער שטיינערנער וויזיע פון דער גרויס־קאַפיטאַליסטישער שטאָט.

קאַפּיטל פערצן

דאָס קינד אין גלאַזמאַנ'ס שאַפן.

1

די קינדער־וועלט פאַרנעמט ניט קיין גרויס אָרט אין די ווערק פון ברוך גלאַזמאַן. קוים אַ צוויי־דריי דערציילונגען, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון קינד, שוין אַריינגערעכנט דעם טייל פון דער „משפחה פיקודאַ", וואָס באַהאַנדלט די קינדהייט און כאַראַקטער־אַנטוויקלונג פון דער אייגנאַרטיקער קליינער ר אַ י ע. אַחוץ דעם האָט גלאַזמאַן געשריבן קוים אַ צוויי דערציילונגען אויס־שליסלעך פון דעם קינדער־לעבן: „אונטער די פיס" און „משה'ל". לוינט זיך אָבער אויף זיי אָפּצושטעלן, ווייל זיי זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר גלאַזמאַנען. זיי באַווייזן זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די פּסיכישע אייגנשאַפטן פון קינד. זיי באַקומען אַרויס שטריכן, וואָס זענען, כלל גענומען, ניט דורכשניטלעך, נאָר ספּעציפיש, אייגנאַרטיק און טיפּיש פאַר געוויסע קינדער און זייער אייגענער וועלט פון פאַנטאַזירן, טראַכ־טן און באַנעמען דעם אַרום.

גלאַזמאַנען גייט ניט אין אונטערשטרייכן אָדער אָנווייזן דעם יידישן שטריך אין קינדער־כאַראַקטער, אַלס פּועל־יוצא פון אַ באַ־שטימטן לעבנס־שטייגער. אים אינטערעסירן — און עס געלינגט אים אַרויסצוברענגען — כאַראַקטער־שטריכן און נייגונגען, וואָס זע־נען קודם־כל א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ־קינדערשע. גלאַזמאַן פאַר־טיפט זיך אין דער קינדער־וועלט, בליקט אַריין אינעם קינדער־נשמהלע, הערט זיך צו צום קינדס פאַנטאַזיעס און חלומות און באַ־וויזט, אַז ס'רוב איז דאָ אַלץ אַזוי אומבאַקאַנט, אָדער אומפאַרשטענד־לעך פאַר די עלטערן.

אָבער גלאַזמאַן באַנעמט טיף און אויף אַ סובטילן אופן אַ טך שטריכן און אייגנשאַפטן פון געוויסע קינדער, וואָס בלייבן פון זייערע עלטערן ניט פאַרשטאַנען. קינדער, מיט נייגונגען צו חלומות, צום פאַרטראַכטן זיך, אָדער זען וויזיעס וואַכערהייט. אָנשטאָט באַנעמען

אָט־די אייגנשאַפטן און לאָזן זיי פריי אויסלעבן זיך, באַטראַכטן די עלטערן אַזעלכע קינדער פאַר אומנאָרמאַלע און שלעכטע. אַזעלכע קינדער ווערן „געהיילט" מיט קלעפּ און געשרייען, וואָס ברענגען נאָך־טירלעך פאַרקערטע רעזולטאַטן, ווי די עלטערן שטעלן זיך פאָר.

ראוב'לע אין „אונטער די פּיס" צייכנט זיך אויס מיט געוויסע אומבאַשטימטע פּאָעטישע נייגונגען און פאַנטאַזיעס, וואָס פאַרטראָגן אים צו ווייטע וועלטן און פרעמדע לענדער. זיינע עלטערן, אָנשטאָט זיך צוהערן צום אינערלעכן געמיט־צושטאַנד פון זייער קינד, באַנוצן דאָס אויסגעפּרוּווטע מיטל: קלעפּ, האַרטע, אכזריותדיקע קלעפּ.

מיט אַ סך ליבע, מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש שילדערט גלאַז־מאַן דאָס אינערלעכע וועלטל פון קליינעם ראוב'לע און דעם „טראַגישן" סוף פון זיין ערשטן פּרוּוו צו רעאַליזירן זיינע חלומות אויף צו דערגרייכן ווייטע און פרעמדע וועלטן. דורך די דינע ניואַנסן פון גלאַזמאַנ'ס שילדערונגס־אופן, רייסן זיך דורך טענער, וואָס דערמאָנען אין דאָסטאָיעווסקיס שילדערן דעם סאַדיזם פון עלטערן ביים פּייניקן קינדער. ניט מער, ביי דאָסטאָיעווסקין זענען די פּייניקונגען דער פּועל־יוצא פון דער שלעכטער מענטשלעכער נאַטור גופא, פון וועלכן אויך אַ סך עלטערן זענען ניט פריי. ביי גלאַזמאַנען נעמט זיך עס ס'רוב פון פּשוטן ניט באַנעמען דעם קינדס אייגנשאַפטן און פון פאַלש־פאַרשטאַנענער דערציאונג־„מעטאָדיק".

צוויי דערציילונגען — צוויי אָפּשניטן פון יידישן לעבן אין אמע־ריקע און אין דער אַלטער היים. „אונטער די פּיס" שפּילט זיך אָפּ אין אַמעריקע, וואו דעם קליינעם ראוב'לעס חלומות ווערן צעשלאָגן ביי די ברעגן פון ניו־יאָרקער האַפן, דורכן האַרטן, בייזן מאַטראָז. קיין יידישער שטייגער איז דאָ ניט פאַראַן. דערפאַר אין „מוישל" האָבן מיר יאָ אַ שטייגער־בילד פון יידישן לעבן אין דער אַלטער היים, נאָך אין די פאַר־מלחמהדיקע רואיקע צייטן, ווען אין יידישן לעבן איז אַלץ געפלאָסן אַזוי געמיטלעך־שטיל און תכליתדיק.

פּונקט ווי זיין חבר ר א ו ב ' ל ע אויף יענער זייט אַטלאַנ־טיק, איז אויך משה'ל אין קליינעם שטעטל פון דער אַלטער היים, אַ קינד אַ פאַרחלומטער און פאַרבענקטער נאָך ווייטע און פרעמדע ניט־דערגרייכבאַרע זאַכן, ווי למשל דער „מאַיאַק", אַ מין אַלטער און פוס־טער אויסשפּיר־טורעם ערגעץ ווייט הינטערן שטעטל. אַהין ציען זיך אַלע קינדערישע פאַנטאַזיעס, ווייל אָט דער „מאַיאַק" איז שוין אַן אָנזאָג פון ווייטע וועלטן . . .

אויב מיר ווייסן ניט, וואָס עס טראַכטן ראַוב׳לעס עלטערן בנוגע אַ תכלית פאַר זייער קינד, קען מען אָבער, שאַצנדיק לויט זייער סאָציאַלן באַשטאַנד, זיך פאָרשטעלן, אַז פאַר אים איז אָנגעגרייט דאָס האַרטע און שווערע לעבן פון אַמעריקאַנער שוויץ־סיסטעם, וואָס וועט שוין אויסוועפּן אַלע קינדישע חלומות און פאַנטאַזיעס. ניט בעסער וועט מסתמא זיין דער תכלית פון משה׳לען, וועמענס עלטערן גרייטן זיך צו שיקן אים לערנען אין אַ ישיבה. אויך דאָ איז די ישיבה אַ תפיסה פאַר אַ סך קינדערשע חלומות. ווייסן מיר טאַקע ניט, וואָס עס וועט מיט אונדזער משה׳לען, וועמען גלאַזמאַן דערפירט ביז דער ישיבה. אָבער, דאַכט זיך, אַז ער וועט פאַר אונדז ניט פאַרלוירן, אַט־דער פאַרחלומטער משה׳לע. אפשר איז זיין ציל שפּעטער געוואָרן דאָס אַרויסרייסן זיך פון די באַגרענעצטע ישיבה־ווענט, כדי צו דער־גרייכן זיינע חלומות אויף יענער זייט ים? . . . עס קען זיין, אַז אויך די דאָזיקע דערגרייכונג האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר איינהאַלט־לאָז און געבליבן איז בלויז די אייביקע בענקשאַפט נאָכן אומבאַ־שטימטן עפּעס, ווי ער קומט צום אויסדרוק ביים דערוואַקסענעם ש ו ו י י . . . וועד קען וויסן די גלגולים פון גלאַזמאַנ׳ס פאַר־חלומטע העלדן, וואָס טראָגן זיך איבער דער וועלט מיט זייער מחברס אייביקן אומרו, אייביקער זוכעניש און אייביקער אינערלעכער אומ־צופרידנקייט.

„משה׳ל" איז געשריבן אין 1914. און ס׳מאַכט דעם איינדרוק פון אַן ערשטן פּרוּוו גלאַזמאַנ׳ס אויף אַ לענגערן אויטאָביאָגראַפישן ווערק, וואָס איז, קאָנטיק, דערווייל פאַרבליבן ניט־פאַרענדיקט. אַן אָפּ־שלוס פון אַ באַשטימטער עפּאָכע אין אונזער לעבן, זענען אין דערדאָזי־קער דערציילונג פאַראַן סאָציאַלע רעמיניסצענצן פון דער תקופה 1905. משה׳לעס שוועסטער, וואָס קומט אויף יום־טוב אַהיים, פון דער גרויסער שטאָט, שלעפּט מיט איר קליינעם ברודער אויף קאָנספּיראַ־טיווע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד. מיר געפינען זיך אין דער עפּאָכע, ווען דאָס יידישע שטעטל איז געוווען „פאַרסמט" פון רעוואָלוציאָנערע ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער ברייטער וועלט איבער די יידישע שטעטלעך פון דער אַלטער היים.

מער האָט זיך גלאַזמאַן צום קינדער־לעבן ניט אומגעקערט אין זיין ווייטערדיקן שאַפן. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער פאַרנעמט זיך, גלאַזמאַן, מיט קינדער־שילדערונגען בלויז אויף וויפיל עס גיט אים אַ געלעגנהייט אַ בליק צו טאָן אין זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט,

אין זיינע אייגענע קינדער־יאָרן, וואָס זענען פאַרפלאָסן אַזוי ענלעך צו דער קינדהייט פון דעם פאַרחלומטן משה׳ל . . . איז אפשר וועלן מיר נאָך אַמאָל קאָנען לייענען אַ פאַרענדיקטן און פיל־גרעסערן „משה׳ל" — ד.ה., אַ ווערק וועגן יענע קינדער־יאָרן, יינגלשע און בחורשע איבערלעבונגען גלאַזמאַנ׳ס אין דער אלטער היים, וואָס זענען כמעט קיינמאָל שפּעטער ניט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין זיינע שריפטן.

קאַפּיטל פופצן

אַ דערציילונג — אַ רעוואָלוציע.

1

מיר קענען נישט גיין ווייטער מיט אונדזער אָפּשאַצונג פון גלאַז־מאַנ׳ס ווערק, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף איין דערציילונג, וואָס הגם זי איז נאָך נישט איינגעשלאָסן אין קיין איינס פון די ביז־איצט דערשינענע גלאַזמאַנ׳ס ביכער, איז עס אָבער אַ דערציילונג פון אַזאַ אייגנאַרט, סיי אין דער טעמאַטיק און סיי אין דער קינסטלערישער קוואַליטעט, אַז זי אַנטפּלעקט פּשוט פאַר אונדז גלאַזמאַנען אין אַ ניי ליכט.

עס האַנדלט זיך אין „מיס לערנער״, אַ נאָוועלע פון אַמעריקאַנער לעבן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם גרויסן ניו־יאָרקער פעריאָדישן זשורנאַל „די צוקונפט״ (1938).

„מיס לערנער״ איז געשילדערט מיט אַזויפיל מייסטערשאַפט און סובטילע פאַרשטענדעניש פאַר פרויען־נשמות, פאַר זייער אינטימע, אינערלעכער וועלט פון איבערלעבונגען, אַז נישט נאָר באַקומען מיר אַ קליין, געטאָקט מייסטערווערק אין אונדזער ליטעראַטור, נאָר ער גופא, ברוך גלאַזמאַן, דערשיינט פאַר אונדז אַ נייער, אַ געלייטערטער פון יעדן פריערדיקן „נקמה״־געפיל בנוגע פרויען, און א באַלאַדענער מיט נייע פסיכאָלאָגיש־קינסטלערישע פּאָטענציאַנעלע מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקן פרוכטבאַרן שאַפן.

2

מיס לערנער איז אַן אַלטע מויד, וואָס האָט — צוליב אַ נאַטור־דעפעקט אין איר קערפּער, אָדער צוליב ווייבערישע קאַפּריזן — דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, ווען ס׳איז נאָך געווען צייט צו פאַראינטערעסירן אַ מאַן. זי בלייבט דערפאַר אַ גאַנץ לעבן מן־הצד פונעם לעבן און פון אַלע פריידן, וואָס דאָס לעבן גיט. זי עלטערט זיך מיט אירע

אָפּגעשפּאָרטע באַנק־ביכלעך, וואָס גיבן איר אַ גוטע מאַטעריעלע סי־טואַציע. זי עלטערט זיך מיט אירע אַלטמאָדישע קאַפּריזן, וואָס וואַקסן מיט איר מיט; קאַפּריזן, וואָס פאַרשאַפן ניט ווייניק צרות אירע דינסטן, וועלכע באַדינען איר אויף די עלטערע יאָרן, ווען זי האָט זיך צוריקגעצויגן פון איר לעבנס־לאַנגן גוטן פּאָסטן.

די צרות נעמען זיך דערפון, וואָס מיס לערנער, אין איר פאַר־ביסן־צנועתדיקער אָפּגעזונדערטקייט פון מענער און בכלל פון אַלץ, וואָס עס שמעקט מיט פאַמיליען־לעבן, קען אינערלעך ניט פאַרטראָגן ווען איר פּיזיש־געזונטע יינגע דינסטן פירן זייער לעבן ניט לויטן גע־שמאַק פון זייער באַלעבאָסטע. זיי, די דינסטן, באַציען זיך לייכטזי־ניק צו מענער, פאַרשטייען ניט איר פילאָזאָפיע: „וואָס אַזוינס זענען עס יינגעלייט איבגאַנצן אויסן אין אַ פרוי?״ . . . פּוצן זיי זיך טאַקע אין די פרייע רו־טעג, פאַרברענגען אין גאַס און קומען אַהיים אין אַזא שטימונג, וואָס פאַרשאַפט גענוג קאָפּווייטיק זייער באַלעבאָסטע, וואָס זאָרגט נאָר פאַר זייער טובה . . . ווער שמועסט אַז אַזא איינע פאַר־גייט אין טראָגן, ברענגט אהיים אַ בויך און זי, מיס לערנער, מוז נאָך אויסשטיין פון אַ קינד, וואָס ווערט ביי אַזאַ דינסט געבוירן — איז דאָך טאַקע עק וועלט מיט די מוידן.

ווען איינע אַזא דינסט האָט אַ קינד טאַקע ביי דער באַלעבאָסטע אין שטוב און זי, די באַלעבאָסטע, באַגעגנט זיך מיט די בליקן פון אומשולדיקן נפשל — דערוועקן זיך אין אַלט־מוידישן האַרץ אַזעלכע געפילן, וואָס צווינגען איר די דינסט צו פאַרטרייבן צוזאַמען מיטן קינד . . . זי טוט עס נאַטירלעך אויף אַן אידעלן אופן, ווייל בכלל געווינען האָט זי זייער אידעלע באַנעמונג־מאַניערן מיט „מענטשן״ און מיט „דינסטן״. נאָר זי קען דאָך ניט איר דינסט דערציילן דעם אמת, אַנטפּלעקן איר נשמה, איר אַלט־מוידישע וואונדן, וואָס טליען אונטער דער שאָלעכץ פון פאַרגליווערטע מאַניערן. ניין. די דינסט מוז אַוועק, כדי דאָס קינד זאָל מיס לערנערן מער ניט רייצן מיט איר אייגן ניט־געלעבט לעבן.

ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען דיזעלבע דינסט קומט צוריק שוין אָן דעם קינד, וואָס איז דערווייל געשטאָרבן צוליב פאַרנאַכלעסיקונג, קומט ענדלעך דער צוזאַמענשטויס צווישן דער דינסט און באַלעבאָסטע.

בעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס די דינסט גייט אפילו אויף איצט ניט, שוין נאָכן טויט פון איר קינד, אין די וועגן פון איר באַ־לעבאָסטעס מאָראַל. די שטים פון בלוט, פון נאַטירלעכן ווייבערישן

אויסלעבן זיך, פון איר גלוסטעניש צו בויען אן אייגענע היים, טרייבט איר ווייטער איבערצולאָזן איר באַלעבאָסטע אין אירע פרייע טעג. דע־מאָלט באַנייט די באַלעבאָסטע ווידער איר שטראָף־רייד:

— איי נאַרעלע, נאַרעלע . . . ווּעסט נאָך, איך זע שוין, זיך ווי־דער ניט אויסהיטן פון די שטרויכלונגען, וואָס זענען תמיד אויסגע־שפּרייט פאַר אַ פרוי׳ס פיס . . .

דאָ האָט שוין עפּעס געמוזט פּלאַצן צווישן דינסט און באַלעבאָס־טע. אַלט־מוידישע מאָראַל האָט שוין געמוזט אויפוועקן דאָס קעגן־גע־פיל פון געזונטן, נאַטירלעכן פרויען־גלוסטעניש צו לעבן. עס קומט דער דינסטס ענטפער:

— יעדער מענטש לעבט זיך זיין אייגן לעבן . . . כ׳זע ניט איין די גרויסע גליקן, וואָס האָבן געטראָפן מיט יענע פרויען, וועלכע האָבן זיך יאָ אַ גאַנץ לעבן געהיט פאַר די שטרויכלונגען, וואָס זענען אויס־געשפּרייט פאַר אַ פרוי׳ס פיס.

און אַז די באַלעבאָסטע דערפילט מיטאַמאָל איר מינדערווערטי־קייט לגבי דער דינסט און זי וויל יענער אָנווייזן איר אָרט אין שטוב אַלס דינסט, פּלאַצט שוין ענדלעך אויף דאָס, וואָס דערשלאָגט אינ־גאַנצן די אַלטע מויד:

— אַ דינסט, זאָגט איר? יאָ, אוודאי. אָבער נאָך אַ גרעסערע דינסט זענט איר אַליין, מיס לערנער. איר האָט דאָך אָפּגעלעבט אייער גאַנץ לעבן ווי אַ דינסט! אַ דינסט אויף אייער זיכערער שטעלע ביי די רייכע פאַבריקאַנטן, אַ דינסט ביי אייערע ווערט־פּאַפּירן און באַנק־ביכלעך, אַ דינסט אפילו ביי מיר . . . איר דאַרפט מיך מער, ווי איך — אייך . . .

ווייטיק און צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין האַרצן פון אַ דינסט, צעשמעטערן איצט פשוט אַט־די אַלטע מויד מיט איר ניט־געלעבט לעבן, מיט אירע פאַרשימלטע איינשטעלונגען, וואָס זענען אַזוי אין סתירה מיט דער געזונטער נאַטור פון אַ פאָלקס־פרוי און איר דראַנג צו אַ נאַטירלעך לעבן, זאָל זיין שוין מ י ט אַלע „שטרויכלונגען״, פון וועלכע די אַלטע מויד האָט זיך אַ לעבן לאַנג אויסגעהיט, שטאַרבנדיק ניט־געלעבטערהייט . . .

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויספירלעכער אויפן אינהאַלט פון דער דערציילונג. ס׳איז אָבער שווער איבערצוגעבן די מייסטער־שאַפט פון פאָרם און שילדערונגס־קראַפט ביי גלאַזמאַנען. מיט זעל־טענער קראַפט האָט גלאַזמאַן אויספאָרמירט אַ גאַנצע געשטאַלט, אַן

עכטע און אַן אָביעקטיווע. בלייבט טאַקע דידאָזיקע דערציילונג שטיין אַליין און זעלבסטשטענדיק צווישן אַלע ביז־איצטיקע פּרויען־געשטאַלטן אין גלאַזמאַנ׳ס ווערק. ס׳איז אַ דערציילונג, וואָס רייסט מיט און צווינגט צו לייענען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

קאַפּיטל זעכצן

„דער דור פון מצבות-שטעלער" . . .

1

„מיר פאַלן איינס נאָכן צווייטן,
פון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.
ניט מער —
„ווער עס פאַרזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז — דערשלאָגט זיך אויף טויט".

די דאָזיקע פּערזן פון דיכטער י. ראַלניק'ס אַ ליד האָט גלאַזמאַן גענומען אַלס מאָטאָ פאַר זיין בוך וועגן משה רמבם: „אין גאַלדענעם זומפּ".

אין דער דאָזיקער גרויסער נאָוועלע — די אויטאָביאָגראַפיש־סטע פון אַלע זיינע ווערק — האָט גלאַזמאַן קאָנצענטרירט דעם גאַנצן אייפער און פאַרביטערונג פון זיין אַזוי אָפט גאַליקער פעדער, ביים שילדערן ניט נאָר דאָס לעבן פון איינעם אַ יידישן שרייבער מיטן סימ־באָלישן נאָמען: משה רמבם, נאָר ביים געבן אַ קוואַר־שניט פון אַ גע־וויסן שטייגער יידישן שרייבער־לעבן אין אַמעריקע.

דאָס דאָזיקע ווערק איז אייגנטלעך אַ רעזומע פון דעם אַלעם, וואָס גלאַזמאַן האָט שוין געשריבן אין שייכות מיטן פּראָבלעם פון יידיש און יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע. דורך דער פּריזמע פון משה רמבמס איינשטעלונגען און דערפאַרונגען אַלס יידישער שרייבער, אַלס יידישער זשורנאַליסט, וואָס ווערט אַריינגעדרייט אין קעסל־גרוב פון דער דאָרטיקער טאָג־פּרעסע, האָט גלאַזמאַן די מעגלעכקייט ברייט פונאַנדערצעוויקלען דאָס בילד און שילדערן די פאַרהעלטענישן אין דער יידישער שרייבער־וועלט, מיט וועלכער גלאַזמאַן — ווי זיין העלד רמבם — האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען אין אַ צייט־

אָפּשניט, וועגן וועלכן ס'איז אין דער דאָזיקער אַרבעט דערמאָנט געוואָרן (1919-1920).

און אַז גלאַזמאַן האָט די זאַך געגומען מיט דער גאַנצער ערנסט־קייט, וואָס איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש, באַווייזט דער פאַקט, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע ווערק איז צוויי מאָל געבוירן געוואָרן . . .

צום ערשטן מאָל האָט גלאַזמאַן פאַרענדיקט דאָס דאָזיקע ווערק אין זומער 1926, בשעת ער האָט זיך פיבערדיק געגרייט צו געזע־געגען מיט אַמעריקע „אויף שטענדיק". מיט זיין ברענגען צום אויס־דרוק אַלע זיינע דערפאַרונגען פון דער אמעריקאנער יידישער ווירק־לעכקייט, וואָס האָבן גורם געווען זיין וועלן צו אנטלויפן פון אמעריקע, האָט גלאַזמאַן געוואָלט געבן דעם „קלאַפּ אין טיר" און דערמיט אונ־טערציען דעם סך־הכל פון זיין אַמעריקאַנער פּעריאָד. דערנאָך, הייסט עס, האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן דער נייער פּעריאָד אין זיין שאַפן, שוין ווייט פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. איז אָבער געשען אַ מעשה און גראָד דעם טאָג פאַר זיין אָפּפאָרן איז דער גאַנצער פאַר־טיקער כתב־יד פאַרלוירן געגאַנגען שוין נאָכדעם, ווי די ערשטע רעדאַקציע מיט אַלע נאָטיצן פון דער נאָוועלע זענען געווען פאַר־ניכטעט!

אַ יאָר צייט האָט גלאַזמאַן קיין רו ניט געהאַט צוליבן דאָזיקן פאַרלוסט. קיין פעדער ניט געקענט נעמען צוליבן טרויער נאָך אַ פאַרלוירן שטיק לעבן, נאָך עפּעס, וואָס איז אַ טייל פון דער אייגענער נשמה . . .

ענדלעך, אין זומער 1928, שוין וואוינענדיק אין פראַנקרייך, אין שטילן און אַלטן שטעטל „פאָנטאַנעי־אָ־ראָזע", האָט גלאַזמאַן ווידער זיך פאַרמאָסטן אויפסניי אָנצושרייבן דאָס פאַרלוירענע ווערק, אויף וויפיל ס'איז געווען לעבעדיק וואָך אין זיין זכרון און אין זיין געמיט.

נאָך עטלעכע חדשים איפּערדיקער אַרבעט, איז סוף זומער פון זעלבן יאָר „משה רמבם" ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים אין אַ באַנייטער, אפשר אַ געלייטערטערער פאָרם. אַזוי אַרום האָט „דער יונגער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער צוריק געפונען זיין פאַרלוי־רענעם שאָטן". אין אָט־דער פאָרם קומט ער ענדלעך אין בוך־פאָרם, מיט אַ יאָר צען שפּעטער (1939), און מיט אַ יאָר 15 נאָכדעם ווי עס איז לכתחילה אָנגעשריבן געוואָרן.

2

דער וועג פון משה רמבמס „געפאַלנקייט”, פון אַ פּאָעט מיט שוואונג און אַמביציע, ביז צום ווערן אַ „האַנט” אין אַ רעדאַקציע, פירט דורך די דערנער־שטעגלעך און פלאָגעגישן נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, ניט האָבנדיק אין וואָס צו פאַראַנקערן זיין לעבן. זיינע חלומות פון ליטעראַרישן רום און אַ קולטורעלע סביבה אויף אויסצולעבן זיך, ווי אַ שרייבער דאַרף אויף אַ נאָרמאַלן אופן זיך אויסלעבן — ווערן גיך צערונען. די שוואַנישע פאַנטאַזיעס טונקען זיך אונטער אין אַ טוכלען זומפּ פון זאַטער, קליינבירגערלעכער זעלבסט־צופרידנקייט.

לכתחילה וויל רמבם פאַרשרייען דעם אינערלעכן צער דורך סתם וואַגאַבונדעווען איבער אַמעריקע, אָן תכלית און אָן ציל, נאָר אַז אַלץ דערעסט אים לסוף, באַשליסט ער מיטאַמאָל שלום צו מאַכן מיטן גורל און — גיין מיטן שטראָם. דאָס הייסט, אָפּטרייסלען פון זיך אַלע פּאָעטישע חלומות און פּרוּאוון מאַכן אַ לעבן: זיך פאַרקויפן אַלס „האַנט” אין אַ יידישער רעדאַקציע.

אַ פיינלעכע שילדערונג, דאָס פאַמעלעכדיקע פאַלן רמבמס, זיין פאַרוואַנדלען זיך פון אַ שרייבערישן קאָפּ, אין אַ בעל־מלאכהשער „האַנט”, וואָס טוט דעם רצון פון רעדאַקטאָר. און דער רעדאַקטאָר... ער איז אַ מייסטער אויף מאָראַליש אומצוברענגען זיינע שרייבערישע קרבנות . . . ער ווייסט אויסגעצייכנט ווי אַזוי אַזאַ איינעם וואָס מוז אָנקומען צו זיין חסד, צו דערשלאָגן ביסלעכווייז, ביז אין יענעם ווערט אַטראָפירט יעדע פערזענלעכקייט, יעדער פרינציפּ און שרייבערישע אַמביציעס. ס'איז דאָס אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם פון שרייבערישן געוויסן, וואָס קומט אין קאָנפליקט מיט אַ געזעלשאַפט, וואו דער איינציקער טרייב־כח און לעבנס־פרינציפּ איז — וויפיל „ביזנעס” דו מאַכסט מיט דיין פען.

דאָס טראַגי־קאָמישע ליגט דערביי אין דעם, וואָס אומזיסט פילט זיך רמבם געפאַלן לגבי זיינע קאָלעגן שרייבער, וואָס קוקן, דאַכט זיך, אויף אים, ווי אויף אַ פאַררעטער . . . אָבער אין דער אמתן זענען זיי אים גאָר מקנא „הלמאי אים איז געלונגען זיך „ארייַנצוכאַפּן אין אַ בלאַט” . . .

דורך רמבמס ברילן זעט גלאַזמאַן דאָס גאַנצע יידישע ליטעראַ־

טור־לעבן ווי „אַ פּעטע קליינבירגערלעכע זומפּ", אין וועלכער אַלע ווערן ביסלעכווייז אַריינגעשלעפּט. ס'איז אַ מין קאָלעקטיווער פּסיכאָז פון גיין אין זומפּ און ניט וועלן זיך מער פון דאָרט אַרויסדראַפּען מחמת זאַטקייט . . . ניט אַליין זיך אַרויסצודראַפּען און ניט פאַר־טראָגן, ווען עמיצער נעמט זיך אַמאָל אָן מיט מוט, מיט „שמשון הגיבורשן גבורה", אַהין ניט אַריינצופאַלן: „נישקשה, עס מעג אים אויך אָנשטיין לעבעדיקערהייט איינצוזינקען אין מחיהדיקן זומפּ!"

אַזוי איז די אַלגעמיינע איינשטעלונג. און פּרוּוואוט עמיצער רע־וואָלטירן קעגן אַזאַ איינשטעלונג, שרייט מען אויף אים פון אַלע זייטן: „אַהאַ, דאָס ווילט איר אַנטלויפן פון אַ זינקענדיקער שיף? לויפט, לויפט, איר זייט סיי־ווי אַ פרעמדער" . . .

גלאַזמאַן דערפילט דעם שטאָך אין אַזאַ מין אָנדייטונג, — אַ שטאָך אויף זיין אייגענעם חשבון, ווייל ס'איז דאָך שוין קיין סוד ניט, אַז מען באַטראַכט נאָך ביז היינט גלאַזמאַנען פאַר אַ פרעמדן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ פרעמדער — מיט אַזויפיל אייגנס, וואָס ער האָט אין דער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט! אַ פרעמדער—וואָס וויטיקט אַזויפיל איבער אַלץ, וואָס געשעט אין יידישן לעבן, אין דער יידישער ליטעראַטור! אַ פרעמדער — וואָס איז אפשר דער פאַרוואָרצלטסטער אין דער אַמעריקאנער יידישערווירקלעכקייט! און אַלץ, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער אַמעריקאַנער, אָדער איסט־בראָדווייער, באַרג־אַרונטערדיקער ווירקלעכקייט! אָבער ער — אַ פ ר ע מ ד ע ר ?

„ . . . אַ וויסטן כשוף טוט דאָך אָפּ אַמעריקע יעדן איינעם, וואָס איז נאָר איינמאָל אַריין אין אירע טויערן. טאַקע ווי ערגעץ אין פּסוק שטייט: און אַלע, וואָס זענען אין איר אַריינגעקומען, וועלן זיך פון איר שוין מער ניט צוריקציען . . . און פּרוּוואוט ווער מיט געוואַלט צו פאַרלאָזן אַמעריקע — אַהאַ, זי וועט זיך שוין מיט יענעם אָפּרע־כענען . . . עס וועט שוין יענעם תמיד צוריקציען אַהין מיט טויזנ־טער פעדים" . . .

3

אָבער גלאַזמאַנ'ס שילדערן און באַקענען אונדז מיט דער לי־טעראַרישער קאַפּע, דער „קיבעצאַרניע" פון די יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק, איז גאָר ווייט פון צו וועקן סימפּאַטיע.

אוודאי וואָלט עס געווען באַנאַל, ווען דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן געוויינלעכע ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, ווי זיי זענען עס איי גאָר דער וועלט. ליטעראַרישע לשון־הרע איז שוין אַ „נאַטירלעכע" דערשיינונג, וואָס דאַרף ניט גענומען ווערן טראַגיש. אין גלאַזמאַנ'ס פאַל האַנדלט זיך עס אָבער אין אַ פּראָבלעם, וואָס איז אַ סך טיפער, אַנגעוויטיקטער, ווי עס דאַכט זיך אויבנאויפיק אויס. ווייל אין די באַדינגונגען פון דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט זענען די איינשטע־לונגען און דער גייסט, וואָס הערשט אין די דאָזיקע שרייבערישע קרייזן, אַ סך שעדלעכער און געפערלעכער, ווי מען קען עס מיינען. בפרט ווען מען נעמט אָן, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרונט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון גלאַזמאַנ'ס שילדערונגען, ווי בעלעטריסטיש זיי זאָלן ניט זיין פאַרשלייערט . . . די פאַקטן, רייסן זיך דורך יעדן קינסטלערישן לבוש און אַפילו דעם מחברס אַלע באַוואָרענישן אין זיין „נאָכוואָרט" . . .

אָט, לאָמיר באַטראַכטן איין כאַראַקטעריסטישן פאַקט:

אויפן באָדן פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור וואַקסן אויס יונגע, איינגעבוירענע שרייבער. אַ נאָכוואוקס, אפשר ניט אַזאַ גרויסער, ווי עס וואָלט געקאָנט זיין אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, אָבער — פאָרט אַ נאָכוואוקס. אַפילו גלאַזמאַן, דער „פעסימיסט", קען דאָס ניט פאַרלייקענען. ניט מער: די סביבה, אין וועלכער עס קומט אויס צו אַנטוויקלען זיך אָט דעם יונגן נאָכוואוקס, איז אַזאַ אומגעזונטע, פאַרפעסטעטע, אַז עס ווערט פאַר זיי אוממעגלעך צו געדייען און זיך אַנטוויקלען. און דאָ קומט דער פּאַראַדאָקס: די שטערונג קומט מצד די עלטערע שרייבער גופא, די ב אַ ר י מ ט ע שרייבער און דיכ־טער. די, וואָס געבן עס דעם ביישפּיל פאַר דער יוגנט, די וועג־וויזער . . און קומט אַזאַ יונגער מיט טענות צו די אַלטע, מיט גע־רעכטע און לאָגישע אַרגומענטן, ווערט ער בלויז אויסגעלאַכט און גראָב אָפּגעשטויסן.

און עס וואַקסט אויך אויס פאַרן יונגן, איינגעבוירענעם שרייבער אַלס טראַגישע פּראָבלעם די ל ע ב ע ד י ק י י ט פון שפּראַך. אָן דעם האָט דאָס קינסטלערישע שאַפן ניט קיין לעבנס־זאַפט און ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. אָבער . . . דער עלטערער שרייבער לאַכט אים אויס, וואולגאַר, ציניש און לייכטזיניק. זיין „אויסוועג" איז פּשוט: „טראָגט מען זיך אָפּ פון יידישן שאַפן, פון דער יידישער שפּראַך, שרייבט מען אויף ענגליש" . . . איר פאַרשטייט? יידישע

שרייבער, וואָס ציען זײַרע יניקה פון דער יידישער שפּראַך, באַציען זיך צו איר, ווי צו אַ מלבוש, „וואָס מען קען אָנטאָן און אויסטאָן" . . . „ווערט, הייסט עס, צוקומען נאָך אַ שפּראַך, אַן אויסגעטוענע" . . .

און רמבם — דער פאַרביטערטער, שוין פון לאַנג פול מיט רע־זיגנאַציע, טריאומפירט, צוהערנדיק אָט דעם דיאַלאָג צווישן „אַלטע" און „יונגע" אין דער שרייבערישער קאָפּע:

„דער יידישיזם אין אַמעריקע — ס'איז דער ביטערסטער ליגן, די אָפּנאַרערישסטע אילוזיע, וואָס איז נאָר ווען עס איז געווען ביי אונדז" . . .

דערפאַר, אַז רמבם וויל פאַרשרייען זיין געוויסן צוליב זיין גע־פאַלנקייט אַלס „האַנט", פאַרענטפערט ער זיך אַליין:

„סיי־ווי־סיי . . . אַלץ האַלט זיך דאָ אויף הינערשע פיסלעך . . . מ'שטיינס געזאָגט, די ג אַ ב צ ע היגע יידישע קולטור — איז עס דען ניט אַ בויען אויף זאַמד?" . . .

גלאַזמאַן דארף ווייט ניט זוכן די הויפּט־סיבה פון דאָזיקן מצב אין יידישן שאַפן:

„צייטונגען . . . צייטונגען . . . זיי „אַמעריקאַניזירן" אונדזער לעבן אינעם וואולגאַרסטן זין פון וואָרט. זיי טויטן־אָפּ דעם מינדסטן שפּור פון היימיש־מיטגעבראַכטן אידעאַליזם . . . די שטאַרקע, די מוטיקע, די ערלעכע פון אונדז, וואָס לאָזן זיך ניט איינשלינגען פון דער צייטונג — ווערן איגנאָרירט און פאַרשוויגן . . . און די אַנדערע, די נאָכגיביקע, די „גליקלעכע", ווערן דערשטיקט אין דער נעץ פון אומריינעם געלד און טרפהנעם דערפאָלג . . . זי קאָכט זיי איבער און מאָלט זיי איבער אין איר אינגעווייד, די פרעסע. זי מאַכט פון זיי זאַטע און כיטרע, אָפּגעפרעסענע און זעלבסט־צופרידענע פאַר־שוינען" . . .

פון דעם אַלעם איז שוין גרינג צו מאַכן דעם אויספיר, מיט וועלכן רמבם דערקלערט די אייגענע אויסגעטרוקנטע פּאַטענץ, די פאַרשטאָפּ־טע קוואַלן פון זיין אייגן שאַפן, די פאַרשוואונדענע פרייד פון שאַפן: שולדיק איז דאָס האַרטע לעבן, די אַרומיקע ווירקלעכקייט, דער זומפּ, וואו ס'איז קיין אָרט ניטאָ פאַרן שעפערישן שוואונג . . .

4

אַחוץ דעם פּובליציסטישן טייל פון „גאָלדענעם זומפּ", דעם

נקמהדיקן חשבון און רעזומע פון גלאַזמאַנס איינשטעלונג איבערן פּראָבלעם פון יידיש אין אַמעריקע, פאַרמאָגט דאָס בוך ניט קיין סך געשטאַלטן און טיפּן, וואָס זאָלן זיך אַרויסטיילן. די פּעריפּעריע־שילדערונגען זענען מער דעקאָראַטיווע. אַלץ איז דאָ קאָנצענטרירט אויף דער געשטאַלט פון דעם שרייבער רמבם. אפילו זיין פאַמיליען־לעבן איז פאַרבלאַסט אין פאַרגלייך מיט זיין עגאָצענטריזם. זיינע קינדער, דערקלערט דער מחבר גלייך, דאַרף ער דאָ ניט האָבן, זיי ברענגען ניט קיין נוצן אין דער נאָוועלע... און אַפילו זיין פרוי, די נאַאיווע לייענערין, מיט וועלכער ער, רמבם, האָט חתונה, גייט אים אויך אַ גאַנץ לעבן נאָך ווי אַ שאָטן . . . אַ נייעס איז בלויז דאָס, וואָס די דאָזיקע פרוי, עללאַ, איז ניט אַזוי אַפּנאַרעריש ווי אַלע ביז־איצטיקע גלאַזמאַנ׳ס פרויען־טיפּן. זי איז שטילער, ליבלעכער, צאַרטער און געטרייער, שוין אַביסל צו פּאַסיוו אין פאַרגלייך מיט רמבמס ברוטאַלער נאַטור.

אַ נייעס איז אויך אין דאָזיקן בוך, אין אַ געוויסער מאָס, די פאָרם, אין וועלכער עס זענען געשריבן די רעזומירטע אינהאַלט־רעפּ־לעקסיעס צו יעדן קאַפּיטל, וואָס פאַרשענערן די זאַך. אָבער די פאָרם איז ניט קיין איינהייטלעכע אין גאַנצן בוך, וואָס באַשטייט פון צוויי טיילן. בעת דער ערשטער טייל ווערט דערציילט אוממיטלבאַר, רוקט זיך שוין אין צווייטן טייל אַרויס „אַ פאַרמיטלער" צווישן שרייבער און לייענער אין געשטאַלט פון רמבמס „באָרדער" (קוואַרטיראַנט).

דאָס איז אַ מענטש אַ פּשוטער, אַן אַרבעטער מיט אַ סך ליבע צו ליטעראַטור און אַ טיפער פאַרהערלעכער פון שרייבערישע פּערזענ־לעכקייטן. ער פילט זיך געהויבן אַלס „באָרדער" ביי אַזאַ פּערזענ־לעכקייט ווי רמבם, ווען ער געדענקט נאָך פון יענעמס גלאַנץ־עפּאָ־כע, נאָך איידער ער, רמבם, איז געוואָרן „געפאַלן" . . . ביים נאַאיוון באָרדער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די אַמאָליקע באַוואונדערונג צום באַ־לעבאָס, אויף אַזויפיל, אַז ער, דער באָרדער, פאָלגט נאָך מן־הצד און שקלאַפיש־געטריי דעם באַלעבאָס לעבנס־פּאַסירונגען כדי דערפון צו שרייבן דעם ראָמאַן . . . שוועד צו זאָגן צי ס׳איז קינסטלעריש אומ־באַדינגט נויטיק געווען די דאָזיקע זייטיקע „פאַרמיטלונג", סיידן צו געבן די געלעגנהייט דעם „באָרדער" אַרויסצוקומען מיט זיין אייגענער ביאָגראַפיע . . . ער פילט דאָס אַפּנים, דער באָרדער, וויבאַלד ער געפינט פאַר נויטיק זיך צו פאַרענטפערן:

„דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָט מיטן עצם פון מיין דערציילונג

ניט צו טאָן. אויב איך דערצייל עס אייך יאָ, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס עס פאַרשאַפט מיר גרויס פרייד און שטילע הנאה צו חלומען אין דער הויך וועגן מיין טאַטן, וועמען איך האָב זייער ווייניק געקענט ביים לעבן" . . .

און אַז מיר דערמאָנען זיך, אַז די דאָזיקע גאַנצע נאָוועלע גלאַז־מאַנ׳ס פאַרמאָגט אין זיך אַזויפיל אויטאָביאָגראַפישעס, קענען מיר מוחל זיין די דאָזיקע ריין־טעכנישע זייטיקע פאַרמיטלעריי. בפרט נאָך, ווען גראָד די דאָזיקע קאַפּיטלען, וואו דער „פאַרמיטלער" דערציילט פון זיין פאָטער, זענען די לירישסטע, די שענסטע אין זיין בוך. זיי זענען די צאַרטע אויסשטראַלונג פון דער נשמהדיקער פיעטעט צו זיין טאַטן, וועמען ער געדענקט נאָך ווי אין חלום:

„הינטער דעם געדיכטן צודעק פון סטרוזשקעס און זעגעכץ, האָט מיין פאָטער פאַרמאָגט זייער אַן איידעלע נשמה, אַן איידעלע און שוויַיגנדיקע נשמה, וואָס איז געווען פול מיט געזאַנג, ווי אַ קוואַל איז פול מיט וואַסער" . . .

אַחוץ דעם איז די פאַרמיטלונג אפשר נויטיק געווען פאַרן צע־רייצטן, פאַרלוירענעם רמבם, ער זאָל צייטנווייז האָבן פאַר וועמען פון האַרצן זיך אַראָפּצורעדן. ניט מער, ס׳איז דאַכט זיך פאָרט דאָ אַ געוויסע איבערטרייבונג אין דעם שילדערן אָט דעם „פאַרמיטלער" און זיין יראת הכבוד פאַר זיין באַלעבאָס. אַביסל איבערגעטריבן די פראָפּאָרץ צווישן באַרדערס אינטעליגענץ, זיין כאַראַקטער און באַנעם פאַר אַ שרייבער . . . פאַראַן אפשר אַזאַ מין פאַרערונגס־געפיל פון לייענער צו שרייבער, אָבער ס׳רוב נאָר ווען ס׳איז דאָ אַ דיסטאַנץ צווישן זיי. פערזענלעכע דערנענטערונג איז ס׳רוב גורם צו אַן אָפּשוואַכונג פון דער דאָזיקער אַדמיראַציע . . . בפרט נאָך, אויב מען זאָל נעמען אין אַכט רמבמס אינטימע פירונג. שאַקירט עס טאַקע אין גלאַזמאַנ׳ס שילדערן, הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל עס פילט זיך אַ ביסל פאַזע אינעם באַרדערס הכנעהדיקייט, צוליב זיין „געמיינעם פראָסטן שטאַם" . . . כ אָ ט ש א פ ש ר א י ז ע ס גאַר געמיינט „סגי־נהורדיק", מיט אַ דינעם עכט־גלאַזמאַנישן סאַרקאַזם? . . .

קאַפּיטל זיבעצן

לענדער און לעבנס

1

„ . . . ניין, די אַלטע וועלט איז ניט אויסגעגאַנגען
אין גסיסה־יסורים ווי איינעם אין דער „נייער וועלט",
אינעם גליקלעכן אַמעריקע, האָט זיך געקענט אויסדוכטן.
ס'איז בלויז געווען אַזוי: סאַמע אויף דער עלטער
איז איר באַשערט געווען צו האָבן פונדאַסניי געבוירט־
ווייען און אָפּגיין מיט אַן אַ שיעור בלוט. אָבער אין דעם
אָפּגעגאַנגענעם בלוט איז מיט הויכן געשריי און צונויפ־
געביילטע פויסטן געבוירן געוואָרן אַ קינד — אַ קינד, אַ
פרישס, העזהדיק 'ניי און אומגעווײנטלעך לעבנס־דור־
שטיקט" . . .

„לענדער און לעבנס" איז בישט דאָס לעצטע ווערק, אין כראָנאָ־
לאָגישן זין, פון גלאַזמאַנ'ס שאַפן. ס'איז בלויז דערשינען מיט זיבן־
אַכט יאָר שפּעטער, ווי ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן. (דאָס זענען שוין
„טעכנישע" סיבות, פון וועלכע עס ליידן אַ סך שרייבער אין אונדזער
ליטעראַטור.)

אָבער מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט קיין ווערק, וואָס פאַרלירט
די אַקטועלקייט צוליבן שפּעטן דערשיינען. ס'איז סיי־ווי אַ ווערק פון
אַ וויכטיקער עפּאָכע אין אונדזער לעבן, און עס סומירט אין זיך אַ גע־
וויסן אַספּעקט פון אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט.

„לענדער און לעבנס" טראָגט דאָס אונטער־קעפּל: „די געשיכ־
טע פון אַ משפּחה אין אַמעריקע און אין סאָוועט־רוסלאַנד". אַ נאָמען
וואָס באַווייזט דעם קינסטלערס פאַרמעסטן זיך אָפּצושפּיגלען דאָס
לעבן אין די צוויי לענדער אויפן פּאַן פון דער נייער צייט. פאַרשטייט
זיך אַז מען קען ניט אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון איין פאַמיליע אָפּגע־



פאַקסימיליע פון ברוך גלאַזמאַנ׳ס אַ כתב־יד, עטוואָס פאַרגרעסערט
(פון ערשטן טייל „לענדער און לעבנס", 1929)

ריסן פונעם אַרום. דערפאַר מוז שוין ממילא דאָס ווערק האָבן אַלס הינטערגרונט די שטורמישע געשעענישן פון אונדזער עפּאָכע, אין וועלכע די געשעענישן מיט אונדזערע העלדן שפּילן זיך אָפּ.

אין צייטלעכן פּרט, האָט גלאַזמאַן געגומען אַ קורצן צייט־אָפּ־שניט פאַר זיין ראָמאַן: ערב דער וועלט־מלחמה, די מלחמה־און רע־וואָלוציע־פּעריאָדן און דעם ערשטן איבערגאַנגס־עטאַפּ נאָכן איינ־שטעלן זיך פון דער סאָוועטן־מאַכט. אַ צייט־אָפּשניט, אפשר אַ באַ־גרענעצטער — אַ צען יאָר צייט, אָבער — דער סאַמע רייכסטער אין אונדזער עפּאָכע, דער סאַמע טראַגישסטער און שטורמישסטער, און גלייכצייטיק, — דער ליכטיקסטער אין דער וועלט־געשיכטע, אַן עפּאָ־כע, וואָס האָט אָנגעזאָגט אָנהויב־געבורט פון אַ נייער וועלט.

דאָס, וואָס די מיליע פון ראָמאַן איז גענומען פון יידישן לעבן, מאַכט דאָס ווערק פילפאַרביקער און אַלזייטיקער, ווייל די שייכות וואָס יידן אין ביידע וועלטן — אַמעריקע און רוסלאַנד — האָבן גע־האַט צו דער אָפּגעשפּילטער דראָמע אין דער געשיכטע, איז געווען אַ מער־דירעקטע ווי ביי אַנדערע פעלקער, באַטייליקטע אין די געשעע־נישן. יידן, אַחוץ זייער אָנטייל אין אַלע מלחמה־לאַגערן, האָבן אויך באַזונדערס געבלוטיקט בשעת דעם איבערגאַנגס־מאָמענט, בעת די חבלי לידה פון אַ נייער וועלט.

2

אָנהויבן הויבט זיך עס אָן קורץ פאַר דער וועלט־מלחמה.

אַ יידישע פאַמיליע אין אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד. אַ שטעטל, ווי אַלע יידישע שטעטלעך: מיט אָרעמעלייט, כל־ערליי פאַרשויבען און פאַרשוינדלעך, רכילות־טרייבער, מנחם־מענדלס, פאַנטאַזיאָרן מיט חלומות וועגן גרויסע גליקן, „מיליאָנשטשיקעס", וואָס וואַלגערן זיך אין די גאַסן ערגעץ אין די ווייטע לענדער. פון די „לעגענדאַרישע ווייטע לענדער", קומען אַמאָל צעפאָרן אין שטעטל אַזעלכע גליקלעכע, רייך־געוואָרענע מענטשן, וואָס רייסן אויף די אויגן ביי אַנדערע שטעטלדיקע בעל־חלומות, וואָס שטרעבן דאַן אויך אַוועקצופאָרן זוכן גליקן . . .

איינער אַזאַ גליק־זוכער איז דער שוסטער־בעל־מלאכה ב ו ־ נ ע ם . אַ פאַמיליען־פאָטער פון אַ פרוי מיט צוויי קינדער. אמת,

עס לעבט זיך אים ניט ספעציעל שלעכט אין שטעטל. ניט מער, ער פאַרקוקט זיך אויף איינעם ק א ר פּ ל , עפּעס אַ פאַרדעכטיקער טיפּ, וואָס איז צוריקגעקומען פון די ווייטע לענדער אַ רייכער און זיך „אויסגעסטראָיעט" דאָס שענסטע הויז אין שטעטל. אויך אונדזער בונעם־שוסטער באַקומט חשק זיך צו „סטראָיען", און ער פאָרט ענד־לעך אוועק קיין אַמעריקע.

אין דעם פּרט איז בונעם נאָר אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ גאַנצן גרויסן שיכט אין יידישן לעבן פאַר דער מלחמה, וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, ווער זיך ראַטעווענדיק פון פּאָגראָמען און מיליטער־דינסט, און ווער — מיטן דראַנג רייך צו ווערן אין דעם ווייטן פאַנטאַסטישן „לאַנד פון אַלע מעגלעכקייטן".

לכתחילה, קומענדיק אין אַמעריקע, באַשליסט בונעם ניט צו זיין מער קיין שוסטער. ער פּרואווט רייך ווערן דורך אַנדערע וועגן, אָבער ער זעט גיך איין, אַז ער וועט זיך שוין פון זיין שוסטעריי ניט אַרויס־דרייען. די שוואַרצע, מגושמדיקע הענט מיטן איינגעגעסענעם וואַקס, מיט וועלכע ער שעמט זיך לכתחילה, וועלן אים שוין ניט פריילאָזן. מילא, בעמט ער זיך שלום מאַכן מיטן גורל און לאָזט זיך אויפן גלייכן וועג זיך אַרויפאַרבעטן.

צום גליק געלינגט עס אים. ער שפּאָרט אַליין, שיקט אויך צו־ביסלעך דעם ווייב געלט אויף קויפן אַ פּלאַץ כדי זיך צו „סטראָיען", ווען ער וועט צוריקקומען. נאָר זי, זיין ווייב סטערע, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע אָבער אַ שטאָלצע נאַטור, נוצט ניט זיין געלט. זי פרעגט אפילו קיינמאָל ניט ביי אים וועגן זיין צוריקקומען. זי געדענקט נאָך גוט, אַז זי איז געווען קעגן זיין אַוועקפאָרן און ער האָט זי ניט געהערט . . . דערפאַר ווייזט זי איצט אַרויס זעלבסטשטענדיקייט און כאַראַקטער.

נאָר „סטראָיען" זיך איז שוין אונדזער גליק־זוכער בונעם אַזוי ניט באַשערט. עס ברעכט אויס די וועלט־מלחמה, די פאַרבינדונג מיט זיין פאַמיליע ווערט איבערגעריסן. און די פרעמדקייט צווישן מאַן־און־ווייב ווערט איצט נאָך מער פאַרטיפט, וואָס לענגער די פאַרבינ־דונג איז איבערגעריסן.

אָט אַזוי גייט שוין דער נאַטירלעכער גאַנג פון די געשעענישן אַז בשעת דאָרט אין „יוראָפּ", בלוטיקן די פעלקער אין קעגנזייטיקן אויסשעכטן זיך, בעת אויך בונעמס פאַמיליע מאַכט דורך אַלע ט ו י ט ־פורעניותן פון מלחמה, רעוואָלוציע און פּאָגראָמען — האָבן

מיר אין אַמעריקע דעם קעגנזאַץ, דעם אַלגעמיינעם אויפשוואונג פון וואוילשטאַנד אויפן חשבון פון פאַרבלוטיקטן אייראָפּע. אויך ער אַליין, בונעם, וואַקסט אין רייכקייט פון טאָג־צו־טאָג. אָן דער פאַמי־ליע האָט ער שוין כמעט פאַרגעסן, וויבאַלד אים גיט זיך גיט איין מיט זיי צו פאַרבינדן.

ער מאַכט דורך דעם פּראָצעס פון אויסגרינען זיך, „אַמעריקאַ־ניזירט" זיך אין וואולגאַרן זין פון וואָרט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאַר־גרעבטן טיפּ אַלרייטניק. ער הויבט פּאַמעלעך אָן אויף זיך אַליין קוקן מיט מער וויכטיקייט, אַפילו זיינע לאַנדסלייט רעספּעקטירן אים שוין איצט צוליב זיינע פעטע באַנק־ביכלעך . . .

בונעמס אָנזען צווישן די לאַנדסלייט דערגייט אַזוי ווייט, אַז נאָכדעם ווי די מלחמה ענדיקט זיך און אין אַמעריקע הויבט זיך אָן די גרויסע הילפס־אַקציע לטובת די חרובע יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע, בשעת דעלעגאַטן מיט ספּעציעלע שליחותן הויבן זיך אָן אַראָפּצולאָזן אין די אַלטע היימען — ווערט בונעם אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַט פון זיינע שטעטלדיקע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. אָן איבער־פולטער מיט דאַנקבאַרקייט פאַרן כבוד — און טאַקע מיט אַ געפיל פון וויכטיקייט צו זיך אַליין אויך, — לאָזט זיך בונעם אין זיין היים־שטעטל אין יענעם לאַנד, וואָס האָט אַזויפיל דערשיטערנדיקע גע־שעענישן דורכגעמאַכט און איז איצט איבער גאָר דער וועלט אַרומגע־הילט אין אַ שלייער פון פאַנטאַזיעס און לעגענדעס . . .

3

בונעם קומט אין זיין שטעטל און דערקענט דאָרט נאַטירלעך גאָר־נישט: די מענטשן זענען אַפילו די זעלביקע, די אַמאָליקע, וועמען ער געדענקט נאָך ס'רוב גוט, נאָר דאָס אַרומיקע לעבן, די אָרדנונג, איז עפּעס אַזוי ניי און פרעמד פאַר אים, דעם „אַמעריקאַניעץ" . . . אַ סך פון זיינע באַקאַנטע האָבן זיך אויף אַזויפיל צוגעפּאַסט צו די נייע באַ־גריפן, אַז ער דערקענט זיי שוין גאָרנישט און פאַרשטייט זיי גאָרנישט, בונעם . . .

און אויפן פאָן פון דער דאָזיקער באַגעגעניש צווישן פּריש־גע־באַקענעם אַמעריקאַנער מיט זיין נאַאיווער אָנגעבלאָזנקייט לגבי זיינע היגע לאַנדסלייט, וואָס שטייען ס'רוב פאַר אים אזוי הכנעהדיק צוליב

זיין רייכקייט פונקט ווי זיי זענען עס אַמאָל געשטאַנען פאַר ק א ר־פ ע ל ן , דעם פאַרדעכטיקן רייך־געוואָרענעם פאַרשויך, — באַקומט זיך אַ בילד ניט נאָר פון די אַלטע שטעטלדיקע איינשטעלונגען און מאָראַל־באַגריפן, וואָס זיינען דאָ נאָך אַלץ ניט אויסגעלעבט. יאָ, אויפן פאַן פון דער נייערווירקלעכקייט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אויך אַ בילד פון די אַלע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און טיילווייז שוין פסיכאָלאָגישע ע נ ד ע ר ו נ ג ע ן , וואָס די רעוואָלוציע האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן שטעטל. און ווייל דאָס אַלץ גייט דורך דער רעפלעקסיע פון אַ טעמפּן אמעריקאַנער, ווערט די צוגעשפּיצט־קייט פון די קאָנטראַסטן נאָך מער פאַרשאַרפט און דאָס אַלגעמיינע בילד — ביז גאָר ניי און אינטערעסאַנט.

פאַר אונדזערע אויגן גייען פאַרביי בילדער פון דער נייער ווירק־לעכקייט. דער איבערברוך אין יידישן לעבן. די גסיסה פון אַלטן שטעטל מיט אירע לופט־פּרנסות. דאָס טיילווייזע איבערוואַרפן זיך פון יונגע געזונטע יידישע עלעמענטן אין קאָלעקטיווע קאָלאָניעס אויף פעסטן באָדן, וואָס מאַכט אויך געזונט זייערע גשמות.

אוודאי איז אין דעם אַלעם, אין דעם דאָזיקן איבערשיכטונגס־פּראָצעס, פאַראַן היפּש טראַגיק און ליידן פון יענע עלעמענטן, ווען דער איבערגאַנג און צופּאַסונג־פּראָצעס קומט אָן מיט גרויסע שוועריקייטן, אָדער פאַרבלייבט זיי לגמרי פרעמד. גלאַזמאַן פאַרדעקט ניט דעם דאָזיקן פאַקט, פונקט ווי ער באַהאַלט אויך נטי די פ ר י י ד פון יענעם טייל שטעטלדיקע יידן, וואָס ווערן איצט אויפסניי געבוירן ד ו ק א אינעם נייעם לעבן. דאָס איז דער פּסיכאָלאָגישער און קינסטלערישער אמת, וואָס קיין שרייבער קען ניט פאַרדעקן. אָבער גלאַזמאַנ׳ס העלד בונעם איז צו טעמפּ דאָס אַלץ צו באַנעמען. פאַר אים איז די רעוואָלוציע אַ גאַרנישט, אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך, לגבי דעם „גליקלעכן" לעבן אין „זיין" אַמעריקע . . .

יאָ, עפּעס פּאָזיטיווס מוז דאָך זיין אין יעדן לאַנד, וואו אַן אי־מיגראַנט לעבט זיך איין אויף אַ פרייען און באַקוועמען אופן, וואָס איז גורם דעם לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם. מען וואַקסט פאַמעלעך אַריין אין דער נייער סביבה און מען באַקומט ליב דאָס נייע לאַנד. אַזאַ געפיל איז נאַטירלעך און גאַרניט משונהדיק. דערפאַר איז אונדז פאַר־שטענדלעך בונעמס צוגעבונדנקייט צו אַמעריקע. ער דערפילט סוף־כל־סוף, אַז זיינע לעצטע יאָרן וועט ער שוין אויסלעבן אין אַמעריקע. עס וועט אים שוין אַפילו ניט העלפן זיין פאַרברענגען איצט אַ צייט

אין דער אַלטער היים, וואָס איז אין פייער פון מלחמה און רעוואָלוציע איבערגעגליט און טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ גאַנץ נייען לעבן. אָבער פאַר אים, דעם פּראָסטן בונעם, איז דאָס אַלץ אַזוי אומפאַר־שטענדלעך און מאָדנע, ביז משוגעת . . . דערפון שאַפט זיך די דראַ־מע, דער טיפער ריס אין אַ פאַמיליע, וועמענס וועגן זענען זיך אייגנט־לעך נאָך צעגאַנגען ערב דעם וועלט־שטורעם, אָבער דער דאָזיקער ריס האָט זיך אַלץ מער פאַרטיפט מיטן גאַנג פון דער אומגעווייגלעכער צייט.

גלאַזמאַנ׳ס אופן פון שילדערן, פון איבערגעבן, איז אינעם דאָזיקן ווערק אַן אוממיטלבאַרער, אַ דירעקטער. אין „לענדער און לעבנס" דאַרף ער ניט אָנווענדן קיין עקסטרע מיטלען אויף איבערצייגן אין דעם טיפערן אמת פון די פאַסירונגען, אין די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דעם ריס צווישן ביידע טיילן פון דער פאַמיליע. די סיבות קו־מען אַרויס פון זיך אַליין, ווען מען באַטראַכט ביידע ל ע נ ד ע ר — אַמעריקע און דאָס נייע רוסלאַנד — אין פּסיכאָלאָגישן זין. ווייל ווי די מענטשן זאָלן ביי גלאַזמאַנען ניט זיין רעאַליסטיש, גענומען פון לעבן און דער נאַקעטערווירקלעכקייט, מענטשן איבער וועמען ס׳איז אַריבער דער פייערדיקער אַקער־אייזן פון דער שטורמישער צייט — קאָנען מיר זיי דאָך ניט באַטראַכטן אויסשליסלעך פון אַ רע־אַלן קוק־ווינקל. מיר טאָרן ניט פאַרזען דעם סימבאָלישן באַטייט פון גלאַזמאַנ׳ס פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק אין די ווירקונגען פון אָרט און צייט. ביי גלאַזמאַנען קומען סיי ווי סיי ביידע עלעמענטן צום אויס־דרוק. די פאַר־רעוואָלוציע־יאָרן האָבן דאָך שוין היפּש צעאַקערט די פּסיכיק פון מענטשן, זייערע בליקן אויף זאַכן און דערשיינונגען.

4

סטערע, בונעמס ווייב, ווערט פון אָנפאַנג אָן געשילדערט אַלס פרוי מיט כאַראַקטער, מיט אינדיווידואַליטעט, וואָס דריקט זיך קודם־כל אויס אין איר שווייגן, אינעם ניט־דערזאָגטן, — דאָרט, וואו ביי אַנדערע פרויען וואָלט זיך עס אויסגעדריקט אין שטורמישע ווער־טער־מאַניפעסטאַציעס. שווייגן פאַר אַ פרוי מיינט שוין פאַר זיך גופא כאַראַקטער. סטערע איז דעריבער גלאַזמאַנ׳ס ערשטער טיפּ פון אַן אייגנאַרטיקער פרוי, מיט מוט אויפצונעמען דעם קאַמף מיטן לעבן

ברוך גלאַזמאַן (נאָך אַ קראַנקהייט), זיין פרוי סימע און זיין זון
אַלעקסאַנדער (1935)

און מיט צופּאַסונג־פיאיקייט צו נייע לעבנס־פאָרמען.

מיטן זעלבן שווייגנדיקן שטאָלץ, ווי זי האָט אויפגענומען דעם מאַנס אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי איבערגעטראָגן אַלע פּורעניותן פון דער צייט: מלחמה, פּאָגראָמען ביז רעוואָלוציע, וואָס האָט איר אָנגעוויזן אַ נײַ לעבן.

ס'איז געווען אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון פּסיכישע דערשיינונגען, וואָס האָבן אויסגעפורעמט סטערעס כאַראַקטער און איר פאַרהאַרטע־ווען צום נייעם לעבן, וואָס איז פאַר איר אויפגעגאַנגען אַזוי פריידיק און געזונט. איז אַ וואונדער, וואָס דאָס אינטימע געפיל צו איר מאַן איז אַלץ מער און מער פאַרפרעמדט געוואָרן? איז אַ וואונדער, וואָס אויך איצט, נאָך זיין אומקערן זיך מיטן „הערצאישן" ווילן זיין ווייב מיט די קינדער, „אויסצולייזן" און אַוועקפירן אין גליקלעכן אַמע־ריקע, — טרעפט אָן זיין ווילן אויף סטערעס ווידערשטאַנד? עס באַ־געגענען זיך איצט צוויי מענטשן פון צוויי ב אַ ז ו נ ד ע ר ע וועלטן, פון צוויי באַזונדערע ל ע ב ד ע ר , צווישן וועלכע די רעוואָלו־ציע האָט נאָך פאַרטיפערט דעם תהום.ביידנס כאַראַקטערן, באַ־ווירקטע פון דער צייט, לעבנדיק אין צוויי לענדער־אַנטיפּאָדן, האָבן זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרשפּיצט און פאַרשאַרפט ביז ניט פאַרשטיין זיך . . . לגבי אָט דעם אמת — דער אמת פון צייט און געשעעענישן — וואָסער באַטייט האָבן נאָך די שוואַכע פעדים פון דער קאָמבינאַציע מאַן־און־ווייב, וואָס האָבן אַמאָל געבונדן אָט־דיביידע מענטשן?

זי, סטערע, האָט דאָך נאָך אַמאָל, בשעת איר מאַנס אַוועקפאָרן מיטן שטעטלדיקן טייך־פּאָראָם, געפילט ווי „מען האָט מיט אָט־די שטריק (פונעם פּאָראָם) ווייטיקדיק פון איר אייגן האַרץ אַרויס פאַ־מעלעך געצויגן אונאַרויסגעצויגן אַ שטיק הייס בלוטיק לעבן — אַרויסגעצויגן עס אפשר אויף אייביק, אויף אייביק" . . . וויבאַלד אַזוי, איז זיך שוין ניטאָ וואָס צו וואונדערן, פאַרוואָס זי, סטערע, איז אַזוי שטאַרק מיטגעריסן געוואָרן מיטן האַסטיקן שטראָם פון דער צייט. איר צעריסן פאַמיליען־לעבן קעגן איר ווילן, בלויז צוליבן מאַנס קאַפּ־ריזן פון וועלן רייך־ווערן, האָט נאָך פאַרגרינגערט איר אונטערגעבן זיך דער ווירקונג פון צייט און אומשטענדן. איר אַריינפּאַסן זיך אין אַ קאָלעקטיוו לעבן, האָט אויף אַ לאָגישן אופן קאָמפּענסירט איר פער־זענלעך צעשטערטן פאַמיליען־לעבן. היינט וויבאַלד איר מאַן איז צוריקגעקומען נאָכמער אַ פאַרפרעמדטער סיי אויסערלעך, סיי אין זיין

גאַנצן אַרט טראַכטן און באַנעמען דאָס נייע, וואָס רינגלט ארום זיין ווייב און קינדער, — וואָס־זשע איז זיך צו וואונדערן, וואָס אין איר קומט וואָס אַמאָל אַלץ בולטער צום אויסדרוק דאָס געפיל פון פרעמד־קייט צו אים און צו זיינע לעבנס־איינשטעלונגען?

5

דער עפּישער טאָן פון גלאַזמאַנ׳ס דערציילונגען לייגט אַ באַ־זונדערן חותם אויפן דאָזיקן גרויסן ווערק. די טעמאַטיק איז דאָ אַזעל־כע, וואָס האַלט אין שפּאַנונג דעם לייענער צוליב איר עפּאָכע־מאַכנ־דיקער פאַרבן־רייכקייט, נאָר אין אַ גרויסער מאָס ווירקט דאָ דעם מחברס מוזיקאַלישער טאָן, דער מענטשלעכער אָטעם, וואָס ווייעט פון דאָזיקן ווערק. עס גיט זיך איבער דעם לייענער דאָס אוממיטל־באַרע געפיל פון צוגעבונדנקייט צו זיינע פּאַרשוינען. אפשר צום ערשטן מאָל האָט גלאַזמאַן בישט קיין „נקמה״־געפילן צו ברענגען צום אויסדרוק. ער איז דאָ אַ טיף־פּאַראינטערעסירטער אינעם גורל פון זיינע פּאַרשוינען, האַבנדיק אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו זיי אַלעמען. צום ערשטן מאָל האָט אַ קינסטלער פון גלאַזמאַנ׳ס כאַראַקטער, מיט זיין געוויינלעכן סקעפּטיציזם, אָדער פּאַראורטיילן — זיך אַריינגע־לעבט סימפּאַטיש־וואַרעם אין זיין עפּישן מאַטעריאַל, זיך צוגעהערט צום גאַנג פון דער צייט, דערפילט איר אָטעם און — אין אַ געוויסער מאָס זיך מיט איר באַהעפט, קינסטלעריש און מענטשלעך זיך מיט איר צונויפגעגאָסן.

דאָס דאָזיקע באַציט זיך סיי צו דער אַלגעמיינער אידייע פונעם ווערק און סיי צו זיינע פּרטים. און אין דעם אַלעם איז פאַראַן אַזויפיל גאַנצקייט, וואָס דערהויבט „לענדער און לעבנס״ צו א וואַרים־מענטש־לעך ווערק.

אויף אַ סובטעלן אופן פירט אונדז גלאַזמאַן אַריין אין די ספערן פון די געשעענישן, וואָס האָבן ניט נאָר גורם געווען די כאַראַקטער־ענדערונגען און די ענדערונגען אין די לעבנס־באַדינגונגען פון זיינע פּאַרשוינען, נאָר האָבן בכלל א דריי־געטאָן די רעדער פון דער גע־שיכטע אין אַ באַשטימטער ריכטונג. גלאַזמאַן גיט אונדז ניט תמיד די געשעענישן גופא אין זייער רויען פּראָצעס פון ווערן. פונקט ווי בערגעלסאָן אין זיינע דערציילונגען פון די „שטורעמטעג״, מאַכט

אונדז אויך גלאַזמאַן דערפילן דעם ה ו י ך פון דער צייט, שוין אין דער פאָרם פון געלייטערטן, שעפערישן סטיל. און איבער דעם גאַנצן שוועבט דעם קינסטלערס לירישסטער אונטערטאָן, דעם טאָן פון אַ מענטש, וואָס איז אינערלעך־נשמהדיק פאַראינטערעסירט אין אָט דעם שעפערישן פּראָצעס פון געשיכטלעכן מעשה־בראשית.

6

די אָפּגעפרעמדקייט צווישן פאָטער און קינדער נעמט זיך ניט נאָר פון אויסערלעכע סיבות, וואָס מען וואָלט געקענט געפינען אין דער לאַנגער צעשיידונג זייערער, זי ליגט הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס זי איז געוואַקסן, אָט די פרעמדקייט, פּאַראַלעל מיט זייער אַרייַנוואַקסן זיך אין די נייע באַדינגונגען, מיטן נייעם לעבן, וואָס האָט זיך פאַר בונעמס קינדער אָנגעהויבן אין מיטן פון אַ צעשטערטער יוגנט.

זי נעמט זיך נאָך, אָט־די אָפּגעפרעמדקייט, פון יענעם מאָמענט, ווען —

„אין דער צייט, וואָס ביי זיין (וויגדערס) אָפּגעפרעמדטן טאַטן אינעם ווייטן לאַנד, וואָס מעבר־לים, איז אויפגעגאַנגען אַ לוסטיקע פריילעכע ליבשאַפט צו יענער פרעמדער, גליקלעכער און רייכער מדינה, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיינס — איז דאָ ביים זון אויפגעגאַנגען איצט נאָך אַ גרעסערע ליבשאַפט — אַן אומעטיקע ליבשאַפט, אַן איינגעבאַקענע אין האַרצן, ווי דאָס ביטער־זיסע געזאַנג פון די פאַליעסער פויערים אויפן דעק פון דאַמפּער — אַ ליבשאַפט צום אָרעמען אייגענעם לאַנד, וואָס האָט זיך איצט פונאַנדערגעוויקלט און פונאַנדערגעבליט פאַר זיינע אויגן".

דאָס קומט פאַר אין די ערשטע מאָמענטן פון רעוואָלוציע־אויסברוך, ווען דער יונגער וויגדער פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זיין מוטער און פאַרט אין דער גרויסער שטאָט ק י ע ו ו זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַן עקזיסטענץ אין די איצטיקע נייע באַדינגונגען. פאַר וויגדערן הייבט זיך איצט אָן דער פּראָצעס פון רייף־ווערן און זיך אַרייַנפּאַסן אין די נייע באַדינגונגען, וואָס דער זעלטענער געשיכטלעכער גורל האָט פאַר אים צוגעגרייט. און גלאַזמאַן ווייזט אונדז דעם פּראָצעס פון וויגדערס באַהעפטן זיך מיט דער נייער מאַכט, וואָס האָט אים אויסגעלייזט פון זיינע נויטן און אים אַוועקגעשטעלט אויפן ריכטיקן וועג אין לעבן.

ווען גלאַזמאַן שילדערט וויגדערס וואַנדערונגען אין קיעוו אין די איבערגאַנגס־טעג, ווען די מאַכט האָט זיך זייער אָפט געביטן; זיין פלאַנטערן זיך צווישן די קעמפנדיקע מחנות, דערפילן מיר ניט נאָר דעם אָטעם פון דער צייט, נאָר אויך דעם מחברס אינערלעכע ציטער־דיקע באַציאונג צום געשילדערטן:

„... און פוסט איז אויך אין אָט יענער נאַכט דער הימל — אַ גרויליק־בלויער הימל, ווי אַ לויטערער וואַסער; אַ הימל אָן לבנה און אָן שטערן. נאָר כאָטש עס שיינען ניט היינטיקע נאַכט ניט די לבנה און ניט די שטערן, איז פונדעסטוועגן איבער דער שטאָט אַזוי ליכטיק איצט — ס'איז אַ גרויסער חידוש: פונוואַנען און ווי אַזוי איז עס איבער דער שטאָט אַזוי ליכטיק?" ...

און גלאַזמאַן פאַרענדיקט מיט אַ בילד, וואָ סאיז ווי אַ וויזיע:

„פונוואַנען קומט עס טאַקע אָט־די ליכטיקייט אַהער... זאָל עס זיין — ס'איז בלויז דאָס שטראַלן פון דעם איינאונאיינציקן גרינלעך־גאָלדענעם שטערן, וואָס שיינט איצט, איינער אליין, אין מזרח־זייט פון פוסטן הימל?" ...

אין אָט־די קאַפּיטלען, וואָס שילדערן דירעקט די איבערגאַנג־מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע אויף אוקראַינע, — דעם געביט פון וויגדערס אַריינוואַקסן זיך אין דער צייט־עפּאָפּיע, — קומט שוין אויף אַ גאַר־אוממיטלבאַרן אופן צום אויסדרוק גלאַזמאַנ'ס סוביעקטיווע איינשטעלונג אַלס אַ צד אינעם גרויסן געראַנגל פאַר אַ ניי לעבן.

גלאַזמאַן זעט מיט וואָסער צוטרוי די נייע מאַכט ווערט אויפגע־נומען גראָד פון אָרעמע הענדלער־שיכטן, וועלכע האָבן, סאָציאַל גענו־מען, גאָרניט וואָס אָנצואווערן. בלויז דער אומבאַוואוסטזיין שטעלט זיי אין איין ריי מיט געוויסע פאַראינטערעסירטע טונקעלע סאַבאָטאַזש־עלעמענטן. פאַרשטייט טאַקע ניט דער פאַרהונגערטער יידישער רויט־אַרמייער, ווען די מאַרק־הענדלערקע וויל ניט נעמען זייער געלט:

„— קערענסקיס געלט — יאָ, און באַלשעוויסטיש — ניט? ...

און פאַר ווענען — פאַרענדיקט ער מיט יידישלעכן ניגון, — האָבן מיר זיך עס געשלאָגן, האַ?" ...

בונעמס זון, וויגדער, וואָס האָט שוין אין יענעם מאָמענט גע־האָט דורכגעמאַכט די פייער־פּראָבע פון באַהעפטן זיך מיט דער נייער אָרדנונג, קוקט צו די סצענע און אים גיט אַזאַ צופּ אין האַרצן אָט־די פאַרקערפּערונג פון דער „מאַכטלאָזיקייט פון בלויזן יושר אויף

דער וועלט". אין יענעם מאָמענט ווערט אין יונגן מח געבוירן דער לאָגישער אויספיר:

„אַזוי מוז עס זיין . . . קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ: דעם הילפלאָזן יושר, וועמען אַלע טרעטן מיט די פיס, דאַרף מען, מ ו ז מען אונטערשפאַרן מיט מאַכט!"

7

עס קען זיין, אַז גלאַזמאַן טרייבט עטוואָס איבער ביים שילדערן די אויפגעריסענע האַלטונג פון „אַמעריקאַניעץ", קומענדיק אין זיין געבוירן־שטעטל, וואָס לעבט איצט אין נייעם רעזשים. קען זיין, אַז צו דעם צייט־אָפּשניט, וואָס ווערט דאָ געשילדערט — עטלעכע יאָר נאָכן פאַרפעסטיקן זיך פון דער ראַטן־מאַכט, — פּאַסט זיך שוין ניט די האַלטונג פון אַמעריקאַנער. פּשוט: אַזאַ אָפענע, שאַקירנדיקע האַלטונג לגבי דעם נייעם שטייגער, וואָס געפעלט ניט דעם אַמערי־קאַנער, טראָגט שוין אפשר אין זיך געפאַרן פאַר אים גופא און זיין אַמעריקאַנישקייט וואָלט אים ניט תמיד אַזוי געדינט. ניט מער, פון דערציילערישן פּרט איז בונעמס האַלטונג און זיין שפּראַך אומבאַדינגט נויטיק געווען, כדי אין דער פולער מאָס אַרויסצוברענגען אַלע קעגנ־זאָצן צווישן בונעמס „אַמעריקאַנער" וועלט־באַנעם — אויב מען זאָל אַזוי אָנרופן די איינגעוואָרצלטע אויסערלעכע אייגנשאַפטן פון אַ ניט־קולטורעלן מענטשן — פּנים־אל־פּנים מיט אַ נייער, פאַר אים אומ־פאַרשטענדלעכער רעאַליטעט . . . און ווייל גלאַזמאַן גיט זיין „העלד" די פולע פרייהייט פון האַלטונג און אויסדרוק אין איינקלאַנג מיט זיינע באַגריפן, באַקומט זיך פון איין זייט די געוואַלטיק־שפּאַנענדיקע פאַבולע, און פון דער צווייטער — אַ הויכער, קינסטלערישער ניוואָ ביים אַרויסברענגען דעם תמצית פון די דערשיינונגען, ביים רעפלעק־טאַרישן באַלייכטן פאַרוויקלטע מענטשלעכע סיטואַציעס אויפן פאָן פון אַן אייגנאַרטיקער עפּאָכע.

די סצענע פון בונעמס ערשטן קאָנטאַקט מיטן שטעטל, מיט זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע; זיין ניט־באַנעמען די ענדערונגען, וואָס די צייט האָט מיטגעבראַכט, און די געזעלשאַפטלעכע אומוואַנדלונגען; זיין טעמפּ־נאַאיווע אָפּאָזיציע קעגן דער דעלעגאַציע, וואָס האָט אים גע־דאַרפט מקבל־פּנים זיין, בלויז דערפאַר, ווייל זי, די דעלעגאַציע, איז



ברוך גלאַזמאַן ווי אַ זעלנער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי
(אויגוסטא, דזשאָרדזשיאַ, 1919).

ניט געווען צונויפגעשטעלט פון די אַמאָליקע חשובע באַלעבאַטים, נאָר פון עפּעס אַ מיידל פון „איספּאַלקאָם״; זיינע פּרעטענזיעס צום האַטעל־באַלעבאָס פאַר זיינע פּאַראַנדקעס, וואָס קענען ווייניק צופרידנשטעלן די קאַפּריזן פון אַ צעבאַלעוועטן אַמעריקאַנער, — דאָס אַלץ זענען גלענצנדיקע פּסיכאָלאָגישע שטייגער־בילדער, וואו ניי־פאַרמירטער ל ע ב נ ס ־ נ ו ס ח קומט אין סתירה מיטן אַלטן . . . אַזוי גייט עס כסדר אונדזער בונעמען מיט אַלע זיינע איבעררעאַשונגען, זיין ניט־פאַרשטיין: וואָס איז דער מער מיט זיי אַלע דאָ? פאַרוואָס זענען זיי עפּעס אַזוי פּאַטריאָטיש געשטימט צו אַ לאַנד, וואָס גיט זיי — לויט זיינע באַגריפן — גאָרנישט, אחוץ נויט? אויב ער, בונעם, איז פאַר אַמעריקע, איז עס דאָך לכל־הפּחות פאַר ע פּ ע ס . אָבער זיי? . . .

זע, אַפילו אַ טייל פון זיינע באַקאַנטע, וואָס לעבן נאָך דערווייל אין אָרעמקייט, זענען זיי אויך עפּעס אַזוי געשטימט פאַר די סאָוועטן... נייך, ער וועט עס שוין ניט באַנעמען, בונעם, מיט זיין פּראָסטן שכל! עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעניש אויף זיי אַלעמען . . . מילא, פון זיין זון ו ו י ג ד ע ר איז שוין אָפּגערעדט. ער פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּאָסטן ביי די באָלשעוויקעס און פאַרן טאַטן האָט ער ניט נאָר קיין צייט, נאָר ער, דער טאַטע, טאָר גאָר פאַר אים קיין שלעכט וואָרט ניט אַרויסרעדן אויף די היגע פּאַראַנדקעס . . . ער קאָכט זיך, דער זון, און קען ניט הערן ווי דער פּאָטער לויבט אַמעריקע... ע ר האַלט גאָר, אַז אין אַלע היגע צרות איז שולדיק דאָס דאָזיקע אַמעריקע, מיט זייער איני־טערוווענציע בשעת דער רעוואָלוציע . . . גיי וויים! און קיין אַמע־ריקע וויל ער אויך ניט פאָרן, דער זון זיינער, און ניט די טאָכטער און ניט זיין ווייב סטערע ווילן . . . ער וויל ניט — טענהט דער זון — וואוינען אין לאַנד פון העכסטער עקספּלואַטאַציע! . . . כאָטש ער, בונעם, האָט זיך וועגן דעם זיין פילאָזאָפיע:

„ — אין לעבן איז — אָדער דו עקספּלואַטירסט יענעם, אָדער יענער דיך״ . . .

נאָר דער זון וויל דערפון ניט וויסן. ער האַלט זיך גראָד ביי אַ פאַרקערטער פילאָזאָפיע:

„ — דעם אמת דער וועלט וועלן מ י ר זאָגן״ . . .

פונדעסטוועגן איז ער ניט ענלעך צו אַלע אַרויפגעאַרבעטע טיפּן אַלרייטניקעס, אָט דער בונעם. ער איז אַלץ געבליבן אַ פאָלקס־טיפּ, אַן עמכא, כאָטש אַביסל אַ טעמפּער, צוליבן פעלן פון קולטור אין זיין אַמעריקאַנער סביבה. אָבער א י נ ע ר ל ע ך איז ער פּשוט און

מענטשלעך. זיין באַגעגענען זיך מיטן ווייב נאָך יאָרן־לאַנגער צע־
שיידונג גייט דורך מענטשלעך און וואַרעם. דאָ האָט שוין מיטגע־
ווירקט גלאַזמאַנ׳ס קינסטלערישע און מענטשלעכע דינקייט. עפּעס
אַ צאַרטע סטרונע איז דאָ באַרירט געוואָרן און די גאַמען האָבן זיך
פיין און איידל צעציטערט . . .

און בונעם פאָרט טאַקע צוריק אַוועק קיין אַמעריקע, אַ באַליידיק־
טער און דערשלאָגענער. דעם אמת, וואָס זיין זון האָט דער וועלט צו
זאָגן, וועט ער שוין אפנים קיינמאָל ניט פאַרשטיין. אָבער אַז ברוך
גלאַזמאַן האָט דעם אמת באַנומען און דערפון אויספאָרמירט אַ גרויס
און מענטשלעך ווערק, קען גאָר קיין ספק ניט זיין. שאַפן גרויסע
ווערק קען מען נאָר, ווען מען באַנעמט דעם זינען פון דער צייט, דעם
טיפן אינהאַלט פון מענטשלעכן לעבן אין איר געשיכטלעכן גאַנג
פאָראויס.

קאַנקלוזיע.

יאָ, דער סך־הכל פון אַ פערטל יאָרהונדערט גלאַזמאַנ׳ס שאַפן גייט דורך אין דער דאָזיקער אַרבעט. ס׳מוז אָבער גלייך געזאָגט ווערן, אַז ניט קיין פולשטענדיקער סך־הכל איז עס פון אַלץ, וואָס ברוך גלאַזמאַן האָט געשריבן און אפילו ניט פון דעם געדרוקטן. בכלל: גאָרניט פון דעם, וואָס גלאַזמאַן האָט געשריבן פאַר די לעצטע צען יאָר איז ניט געדרוקט געוואָרן אין בוכפאָרם. און עס זענען דאָ זייער אַ סך זאַכן צעזייט אויף צייטונגס־שפּאַלטן און זשורנאַל־זייטן, וואָס זענען צום שרייבער פון דער אַרבעט קיינמאָל ניט דערגאַנגען. ווידער זענען נאָך דאָ אַ היפּש ביסל מאַנוסקריפּטן פאַרבליבן ביי גלאַזמאַנען גופא אין די טיש־קעסטלעך און זיי וואַרטן אויף דער מעגלעכקייט זיך אַנצוקליידן אין דעם בלוט־און־פלייש פון געדרוקטע ב י כ ע ר. קען זיין, אַז גאָר וויכטיקע אַנטדעקונגען זענען נאָך אין יענע ניט־געדרוקטע מאַנוסקריפּטן פאַרהוילן; אפשר גאָר נייע שטריכן צו דער קינסטלערישער פיזיאָנאָמיע פון ברוך גלאַזמאַן.

אָבער מיר האָבן זיך באַמיט אין דער דאָזיקער אַרבעט צו געבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג איבער דעם גרעסטן — און מסתמא אויך וויכטיקסטן טייל — פון גלאַזמאַנ׳ס ביז איצטיקן שאַפן. מיר האָבן זיך באַמיט אָנצוצייכענען די הויפּט־שטריכן פון גלאַזמאַנ׳ס מענטשלעכער און קינסטלערישער פּערזענלעכקייט סיי אויפן פאָן פון זיינע ווערק, און סיי אויפן פאָן פון צייט, אָרט און סביבה. ווי יעדער אמתער קינסטלער, איז גלאַזמאַן טיף פאַרבונדן מיט זיין צייט, ליידט און ווייטיקט מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס רינגלען אים אַרום. ווי יעדער אמתער קינסטלער, האָט גלאַזמאַן אין משך פונעם פערטל יאָרהונדערט שאַפן, דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פאַזן פון זוכן דעם זינען פון זאַכן און דערשיינונגען, זוכן דעם ענטפער אויף פּראָבלעמען, וואָס דאָס איצטיקע לעבן רוקט אַרויס. האָט ער זיי געפונען, די געזוכטע אמתן? האָט גלאַזמאַן געפונען קינסטלערישע באַפרידיקונג ביי דער, אָדער יענער קאַטעגאָריע פון זיינע צאָלרייכע, פאַרשידנאַרטיקע טיפּן, פאַרשוינען און געשטאַלטן? שווער דערויף צו ענטפערן מיט גענויקייט, ווי ס׳איז בכלל ניט פון די לייכטע זאַכן אַריינצובליקן אין די נשמה־טיפענישן פון אַ קינסטלער, בפרט נאָך אַ קינסטלער, וועמענס נאַטור און לעבנס־

וועג גייט ניט גראַדליניק און גלאַטיק, נאָר איז פול מיט כלערליי שטרויכלונגען — מענטשלעכע און קינסטלערישע, וואָס זענען דער פּועל־יוצא פון לעבנס־באַדינגונגען איבער וועלכע דער שרייבער קען ניט האָבן קיין קאָנטראָל. נאָר אין אַלע פאַלן קען גלאַזמאַן מיט רעכט זאָגן וועגן זיך, ווי אַנאַטאָל פראַנס האָט אַמאָל געזאָגט:

„שוין יאָרן, אַז איך באַהאַנדל גייסטיקע ענינים פאַר דער עפנטלעכקייט. איך קען זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז איך האָב קיינמאָל ניט פאַרטונקלט די ריינקייט פון מיין געדאַנק. מען האָט מיך אָפט געזען אַן אומזיכערן, אָבער שטענדיק אַן ערלעכן. כ׳בין געווען אמתדיק און דערפאַר האָב איך געהאַלטן פאַר מיין רעכט צו רעדן צו מענטשן ... כדי צו שווינדלען, איז נויטיק אַ גאַנצע טעאָריע, פון וועלכער איך ווייס אָבער אַפילו ניט דאָס ערשטע וואָרט״ ...

און גלאַזמאַן איז געווען אמתדיק אין זיין שאַפן. דער קינסטלערישער אמת אזי ביי אים געווען — און געבליבן — דער אמת פון לעבן גופא. אָט ווי גלאַזמאַן פאָרמולירט אָט דעם שטריך פון זיין כאַראַקטער, אין זיין פרעכטיקער עסיי פון אַרום די ברעגן פון מיטללענדישן ים אין פראַנקרייך: „אויפן וועג קיין קאַסטעללאַר״:

„... אַ שקלאַף בין איך געווען שיעור ניט אַלע מיינע יאָרן צו אָט־די צוויי תאוות — „אמת זאָגן״ און עקשנותדיקייט אינעם אָנגעזיכט פון שטרויכלונגען און שטערונגען. אמת, (שוין ווידער אמת!...), קיין צופיל נחת האָבן מיר אָט־די תאוות מיינע קיינמאָל ניט געבראַכט: פאַרקערט, אוי זייער ש ט אַ ר ק פאַרקערט! ... נאָר באַפרייען זיך פון זיי האָב איך פונדעסטוועגן קיינמאָל ניט געקענט ... און איצט, אַליין אויף אָט דער באַרג־הויכקייט וואו ניט עמיצער זעט מיך און ניט עמיצער הערט מיך, שעם איך מיך אויך ניט מודה צו זיין: האָב אויך ניט ג ע ו ו אָ ל ט ״ ...

פאַרשטייט זיך: אמת, אַלס באַגריף, קען דאָ גענומען ווערן אין באַטראַכט נאָר אין רעלאַטיוון זינען. נאָר ד ע ר אמת קען גענומען ווערן אין באַטראַכט, וועלכער איז דער אויסדרוק פון שרייבערס טיפסטער איבערצייגונג. אָבער עס גייט דאָך סוף־כל־סוף אין דעם, אַז אָט־דער א מ ת — פון אַ געזעלשאַפטלעכן, עדוקאַטיוו־דערציערישן ווערט — זאָל דורכן שרייבער פרייען אויסדרוק באַקומען. גלאַזמאַן זאָגט וועגן דעם קלאָר אין די דערמאָנטע עסייאיסטישע רייזע־מעדיטאַציעס:

„דער דאָקטאָר דאַרף אַנאַליזירן און פעסטשטעלן דעם אמת ניט

נאָר פאַר זיך אַליין: אויף דער פּאַציענט דאַרף וויסן אמתדיק וואו ס'האַלט מיט אים ערגעץ אויף דער וועלט! ערשט דאַן היילט מען — און מען ה י י ל ט ז י ך — ריכטיק. סיידן — דעם חולהס לאַגע איז אַזאַ האָפענונגסלאָזע, אַז ס'איז גלייכער פון אים דעם אמת אויסצובאַהאַלטן. איז האַלט עס דען שוין א ז ו י שלעכט ביי אונדז? איך גלויב אַז נ י ט . אויף דעם חולה אונדזערן וועט דער אמת ניט פאַרשאַטן" . . .

געמיינט איז דאָס וועגן דעם מצב פון דער יידישער ליטעראַטור. גלאַזמאַן האָט זיך וועגן דעם זיין מיינונג מיט וועלכע מען קען הונדערט פּראָצענט מסכים זיין:

„פון דער ליטעראַטור דאַרף מען ניט מאַכן קיין דאָגמע. פון אירע וואָרט־זאָגער — קיינע הייליקייטן, און פון דער יידישער קולטור אַליין קיין מומיפיצירטע געטין, צו וועלכער מען טאָר זיך גאָרניט צורירן! דער שרייבער דאַרף ניט נאָר זוכן דעם אָביעקטיווסטן אמת, נאָר אויך ניט מורא האָבן מיט אים אַרויסצוקומען, ווען אַפילו עס שטימט ניט מיט די פונקטן פון דעם אָדער יענעם קאָדיפיצירטן פּאַרטיי־פּראָגראַם (און אויך „יידישע קולטור" קאָן פאַרגליווערט ווערן אין פּאַרטיי און דאָגמע), דער שרייבער מוז ווערן וויסנשאַפטסמאַן!

יאָ, דער אמת, דער אמת איבער אַלץ!" . . .

איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די ציטאַטן, ווייל זיי זענען פונדאַמענטאַלע, פּראָגראַמאַטישע פאַר יעדן קינסטלער און זיי אילוסטרירן אַמבעסטן דעם מ ע נ ט ש אינעם קינסטלער.

גלאַזמאַנ'ס אָרט און באַדייטונג אין דער יידישער ליטעראַטור? — וועגן דעם קען עדות זאָגן די נאָכפאָלגנדיקע זייער צאָלרייכע ביבליאָגראַפיע פון אַלץ, וואָס איז ביז איצט וועגן גלאַזמאַנען געשריבן געוואָרן. די צאָלרייכע ליסטע פון שרייבער, וואָס האָבן זיך וועגן גלאַזמאַנען אַזוי צי אַנדערש אַרויסגעזאָגט, באַווייזט אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט אין אונדזער ליטעראַטור, מיט וועמען מען מוז זיך רעכענען.

אַ פערטל יאָרהונדערט שאַפן איז אַ דאַטע אין לעבן פון אַ קינסטלער, אַ דאַטע, אויף וועלכער מען מוז זיך אָפּשטעלן. סיי דער לייענער, סיי דער שרייבער גופא מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג.

איצט איז נאָך ברוך גלאַזמאַן אין פּולן פּראָצעס פון דער פונאַנ־דערוויקלונג פון זיינע פּאָטענצן. מיר האָבן נאָך פון אים אַ סך צו דערוואַרטן. שליסן מיר אָפּ דעם דאָזיקן סך־הכל און טראָגן עס אונ־טער גלאַזמאַנען אַ מתנה. מיר טוען עס מיט פרייד, ווייל ברוך גלאַז־מאַן האָט עס ערלעך פאַרדינט.

פּאַריז, יוני, 1939.

2. ביבליאָגראַפיע וועגן ברוך גלאַזמאַן
און פון זיינע שריפטן.

עטלעכע ווערטער וועגן דער ביבליאָגראַפיע.

די ווייטערדיקע ביבליאָגראַפיע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט פאָלגנדיקע כללים:

דער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל און די קריטישע אַרטיקלען זע־נען געסדרט לויטן א״ב; די סעריע ג׳ (געשפּרעכן, אינטערוויוען, באַ־ריכטן און רעדעס) זענען אַראַנזשירט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר; די גרופּע ד׳ (פּאָלעמישע אַרטיקלען און נאָטיצן) אויך לויטן א״ב.

וואָס איז שייך די בעלעטריסטישע שריפטן פון ברוך גלאַזמאַן זענען אין דער ביבליאָגראַפיע אַריינגענומען געוואָרן נאָר יענע ווערק אין בוכפאָרם וואָס זענען געשריבן געוואָרן ביז 1930. (גלאַזמאַנ׳ס ווערק וואָס זענען געשריבן געוואָרן נאָך 1930 זענען בכלל אין אַ בוכפאָרם ניט דערשינען). די צאָל פון גלאַזמאַנ׳ס בעלעטריסטישע און האַלב־בעלעטריסטישע ווערק איז אַזוי גרויס און דערצו נאָך צעוואָרפן אין אַזוי פיל צייטונגען און זשורנאַלן, אַז עס איז ביי איצ־טיקע באַדינגונגען שווער צו געבן אַ פולע ביבליאָגראַפיע. דערפאַר ווערן נאָר אָנגעגעבן די נעמען פון די פעריאָדישע צייטשריפטן, ווי אויך די יאָרן אין וועלכע גלאַזמאַן האָט זיך דאָרטן געדרוקט. דאָס וועט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלייכטערן דאָס אָפּזוכן פון זיינע ווערק אין די צייטשריפטן. היות, ווי די ביבליאָגראַפיע פון ניט־בעלעט־ריסטישע שריפטן איז פאַרהעלטניסמעסיק קליין אין צאָל, ווערט די דאָזיקע רשימה יאָ געגעבן.

וואָס איז שייך גלאַזמאַנ׳ס אַרטיקלען וועגן אַנדערע שרייבער, זע־נען זיי אַראַנזשירט אַלפאַבעטיש לויט די נעמען פון די שרייבער, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין די דאָזיקע אַרטיקלען. דערקעגן, די אַרטיקלען זיינע אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס זענען גע־סדרט כראָנאָלאָגיש.

אויף אַזאַ אופן דינט די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע גלייכצייטיק ווי אַ זוכצעטל הן בנוגע די שרייבער, וואָס האָבן געשריבן וועגן גלאַז־מאַנען והן וועגן די שרייבער, וואָס גלאַזמאַן האָט וועגן זיי געשריבן.

די קיצורים פון די נעמען פון די צייטשריפטן זענען געמאַכט אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער איינער וועט זייער לייכט קענען דעשיפרירן דעם פולן נאָמען פון דער דערמאָנטער צייטשריפט.

אין דעם צוזאַמענהאַנג דריקן מיר דאָ עפנטלעך אויס אונדזער אנערקענונג דעם „ייוואָ", ווי אויך דר. מ. וויינרייך, מ. קליגסבערג און דר. י. שאַצקי, וועלכע האָבן אַזוי פריינטלעך אונדז מיטגעהאָלפן אין צוזאַמענשטעלן און אויסדרן אָט־די ביבליאָגראַפיע.

איוואַנגאָראָדער ברענטש 130, א.נ.אַ.פ.

1. וועגן ברוך גלאַזמאַן.

א. ביאָגראַפישער מאַטעריאַל

1. בעקערמאַן, א. — ברוך גלאַזמאַן, (פּראָבלעמען און אידייען אין זיין שאַפן) מיט אַ ביבליאָגראַפישער אָפּטיילונג. פאַרלאַג „ברענטש 130 פונם א. נ. אַ. פ.", ניו־יאָרק, 1944, 160 זייטן, מיט ניין בילדער.

2. „ברוך גלאַזמאַן — ביאָ־ביבליאָגראַפישע סקיצע". „פּראָלע־טאַרישער געדאַנק", נ"י, 2טער מאַרץ, 1942.

3. „באַגריסונג צו ברוך גלאַזמאַנ'ס 25 יאָריקן יובילײ", המשך, זאַמלבוך. נ"י, נ' 1, 1939.

4. באַגריסונג צו ברוך גלאַזמאַנען. קינדער־זשורנאַל, נ"י, אָקט.־נאָוו., 1930.

5. גרויסע סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש), פאַרלאַג „סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע", מאָסקווע, 1930. ב' 17, ז' 183-184.

6. ס. וויינינגער — גרויסע יודישע נאַציאָנאַל־ביאָגראַפיע (דייטש). טשערנאָוויץ. ב' 2, זז' 551-552; ב' 7, ז' 11.

7. זילבערצווייג, ז. — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער. נ"י, 1931 ב' 1, ז' 31.

8. „יודישעס לעקסיקאָן" (דייטש). בערלין, 1929. ב' 3, זז' 1173-1174.

9. יוניווערסל דזשואיש ענסייקלאָפּעדיע (ענגליש). נ"י, 1942, ב' 5.

10. ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש). ב' 2, ז' 551-552. פאַרלאַג „קאָמוניסטישע אַקעדעמיע", מאָסקווע, 1929.

11. ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ, ב' 7, בערלין, 1931, 431-432.

12. סאַלאָמאָן רעזניק — לאַ ליטעראַטוראַ כודיאַ דע לאַ פּאָסט גוערראַ (שפּאַניש). בוענאָס איירעס, 1931. ז' 31.

13. זלמן רייזין — לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע. ב' 1, זז' 577-579.

ב. קריטישע אַרטיקלען

14. אויסלענדער, נ. — „פון אַ בריוו". ניי־אידיש, ניו־יאָרק, 1922, נ' 5־4, זז' 57־58.

15. אויסלענדער, נ. — „שטראָם", מאָסקווע, 1923, נ' 4.

16. אויסלענדער, נ.—„וועג־אייך, וועג־אויס". ז' 59. פ' קולטור־ליגע, קיעוו, 1924.

17. אייבראַמס, וו. — „נאָך נישט אַנטרונען". מ"פ. נ"י, 14 אַפּריל, 1935.

18. אייבראַמס, וו. — וועגן א. מייזל'ס „סיגנאַל"־רעצענזיע (זע נ' 115). מ"פ, נ"י, מאַי 1935.

19. אייבראַמס, וו. — וועגן „לענדער און לעבנס". דער האַמער, נ"י, יאַנ', 1938.

20. איסאַקאָוויטש, ד. — וועגן „שטיינוועבס". די רויטע וועלט, כאַרקאָוו, נ' 4, 1926.

21. אַלגין, מ. — וועגן „פּאַנאַנדערפאַל". די נייע וועלט, נ"י, 20 פעבר' 1920.

22. אַלגין, מ. — וועגן ברוך גלאַזמאַן (וועגן בוך „באַגינען"). מ"פ, נ"י, 26 אויג', 1922.

23. אַלגין, מ. — וועגן „אויף אַ האָר". מ"פ, 17 פעבר', 1923.

24. אַלגין, מ. — דער זעקסטער באַנד פון ב גלאַזמאַנ'ס ווערק. מ"פ, נ"י, 22 דעצ', 1935.

25. אַלגין, מ. — וועגן „אַנטרונענע". מ"פ, 29 דעצ', 1935.

26. אַלגין, מ. — ברוך גלאַזמאַן (ענגליש). מ"פ, 21 פעבר', 1937.

27. אַלגין מ. און י. סולטאַן — „טעזיסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור". מ"פ, 26 פעבר', 1937.

